STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00533

GEDENKLIDER

Jacob Glatstein

Permanent preservation of this book was made possible by
Ila Jean Lewis
in honor of
Rabbi Sydney Beth Mintz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב גלאַטשטיין

געדענקלידער

פֿאַרלאַג אידישער קעמפער
ניו - יאָרק, 1943

GEDENKLIEDER

In Remembrance

(Poems)

By YONKEV GLATSTEIN

Copyright, 1943

JACOB GLADSTONE
NEW YORK, N. Y.
Printed in U.S.A.

Paramount Typesetting Corp.—L. Ehrlich, Member,
Hebrew-American Typo. Union, No. 83, I.T.U.

אין מדבר בליט א מאנדלשטעקן

ס׳יידישע וואָרט

ס׳יידישע וואָרט בליט אויף אַ מאַנדלשטעקן.
און יעדע ברכה איז באַ׳טעמ׳ט,
יעדע קללה איז געגראַמט,
יעדער וואָרט טוט שמעקן,
יעדער וואָרט טוט טריפן,
און יעדער וואָרט איז באַזאַפט
מיט באָבעשאַפט.
אָ געטרייע לאַנדשאַפט פון אַמאָליקייט —
אין אַ זאַמדיקן מדבר.

אין אַ מדבר בליט אַ מאַנדלשטעקן,
און אויף אים שפּראָצן יידישע ווערטער.
אַ וואַנדראָווניק אויף אַ קעמל
ציט אַהין ווי צו זיין באַשערטער.
און אַרום דעם שטעקן וואַקסן
זיסע קרייטעכצער,
און עסט מען זיי, עפענען רעטענישן
זייערע באַטייטעכצער,
און אַלע פאַרהוילענע נישטווּיסערייען
ווערן סאַמע קלאָרע פאַרשטייטזיכער.
און אַלץ ווערט כדאי,
און אַלץ ווערט האַפט,
אַלץ ווערט אָנגעיאָרנט

און אָנגעטרונקען מיט פרייד
פון באַבעשאַפט.

דער וואַנדראָווניק שרייט אַריין אין דער נאַכט
און טוט וועקן —
הוי - ווייגעשריגן,
אין דער מדבר בליט אַ מאַנדלשטעקן.

דער בראַצלאַווער צו זיין סופר

.1

נתן, דאַוואַי הײַנט נישט טראַכטן.
האָסט שוין אַמאָל געזען אַזאַ וועלט
מיט אַזויפיל לויטערע פּראַכטן?
כ׳וועל דיר דערלאַנגען אַ פּראַסק,
אויב וועסט הײַנט אויסקוועטשן אַ געדאַנק.
קראַנק ביסטו הײַנט צו לעבן?
לעב מיט אַלע דײַנע אברים
און אָטעם זון ווי אַ פליג.
לאָמיר נעמען גיין אויף קעריק,
לאָמיר אָוועקטראַכטן אונדזער גאַנץ פאַרמעגן,
און צעטרענצלען אונדזערע רעיונות אויף די וועגן.
לאָמיר ווערן הייליקע פויערימלעך,
מיט הייליקע קי אויף אַ הייליקער פּאַשע.
לאָמיר עסן קאַשע מיט מילך,
לאָמיר רויכערן שטינקענדיקע פּייקעס
און דערציילן בייקעס פון שרעטעלעך,
לאָמיר זינגען לידלעך —
דיי - דאַנע - דיי, דיי - דאַנע - דיי.
הוילע לידלעך אָן ווערטער,
דיי - דאַנע - דיי.

כ׳זע, ס׳איז שוין אויפגעגאַנגען אַ במאַרעלע
אויף דײַן שטערן.

ווען כאַפּן בײַ מיר אַ פּליק אין פרעסער,
טאָמער נעמסטו קלערן.
היינט װעסטו מוזן פאַרשליסן
דעם טראַכטער הינטער שלעסער.
היינט זיינען מיר זינגענדיקע תמ׳עלעך
און מיר קענען קיין צוויי נישט ציילן.
איז כאַפּ זשע נאָר —
ווי וואונדערלעך דאָס איז,
איינס — אחד.
איינס און באַזונדער איינס
איז אַלץ אחד,
און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אחד.
הער נאָר ווי פּשוט,
ווי אַליין, ווי שיין, ווי טרויעריק־שיין,
איינס — אחד.

גרעזעלע זינג,
בינעלע זום,
גלעט די בלום,
וואַלקענדל רעגן,
פריש אויף די וועגן.
טרינק אָן די ערד.

נתן, באַלד פאַלט צו די נאַכט
לאָמיר שלאָפן אומגע׳חלומ׳ט און אומגעטראַכט
ווי די פויערימלעך.
לאָמיר היינט אַוועקלייגן די לייטער
און לאָמיר נישט הימלעווען,
זאָלן מלאכים קלעטערן
אַראָפּ און אַרויף, אַרויף און אַראָפּ.

לאָמיר כאַפּן אַ כראָפּ און אַ שנאָרך
און זיך אויפכאַפּן אַנטקעגן אַ צעפּלאַמטן מזרח
מיט דעם געזאַנג —
דיי-דאַנע-דיי, דיי-דאַנע-דיי.

ב׳וועל דיר ברעכן אַ ביין
אויב וועסט דאָס ניגונ׳דל נישט פאַרשטיין.
טאָמער וועסטו עפּעם דערלייגן, אַ וואָרט אָדער אפילו אַן אות,
ס׳וועט מוזן זיין אַזוי פשוט ווי דאָס —
דיי-דאַנע-דיי.

.2

פאַראַן אַזעלכע שטייגער לייט,
וואָס טראַכטן אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך
און דער קאָפּ ווערט ביי זיי הייליק,
אָבער דער גאַנצער גוף בלייבט שטויב פון שטויבן.
זיי קוקן אַריין אין אַ ספר
און די אויגן גלאָצן באַלד אַרויף אויבן,
אָבער די פיסלעך מיט די הענטלעך
זיינען נאָך ביי זיי עפר ואפר,
און איבערן גאַרטל
און אונטער דעם צווישנשייד,
ווערט אַלץ טרף און טרפ׳ער.
זיי לערנען זיך אוים שיינע ווערטער,
זיי זיינען עולה רגל צו די הייליקסטע ערטער.
נאָר זאָל קומען אַ נדבה בעטן אַ מענטש אַ פאַרשמאַכטער,
בלייבט זייער האַנט פאַרמאַכט
און ס׳האַרץ פאַרמאַכטער.

דעם קאָפּ האָבן זיי מרחיק געווען פונם שכל,
און ס׳אָרימע מוח׳ל רודערט אַזש מיט די גלגלים,
נאָר ס׳פּיצעניאַנטשיקל מענטשל ווערט פאַרפאַלן
אויף עולם ועד.

דערימאַך, זאָג איך דיר, נתן,
טראַכטן איז ווי נאָטן צו געזאַנגען,
און די געזאַנגען וואוינען אין לב.
זע, אַז ס׳האַרץ זאָל טראַכטן לויטער,
וועט ממילא דער קאָפּ אויפהערן צו טשאַדן.
פיינט האָב איך דעם גוטן יידן,
דעם כלומר׳שטן ידען,
וואָס פאַרטריפט די אותיות פון ספרים
מיט נעצר׳דיקע טראַכטערייען.
נעם אַ ליכט און באַלייכט דעם בראשית,
ברא האָט באַשאַפן.
בראשית האָט באַשאַפן.
גוואַלט, נתן, וואָס איז דאָ שייך צו טראַכטן.
לאָמיר גיין באַזאַמען אין רעגנס און אין שנייען,
אין זונען און אין קעלטן.
און לאָמיר זינגען —
בראשית האָט באַשאַפן וועלטן.

3.

אָט ווי איך דערצייל דיר אַזוי האָט עס פּאַסירט.
כעלות, ווען איך האָב מיטן וואַלד שפּאַצירט.
זע איך ווי דער מאָרגן גייט אויף אינדערקרום
און די גאַנצע יצירה איז ברוגז׳לעך־שטום.
די ביימער שטעלן זיך מיט די זייטשעמויכלס צו מיר.

די פֿייגל הערן מיין גוטמאָרגן און גיבן זיך נישט קיין ריר.
אַ העזל קוקט מיך אָן ווי אַ יידענע אַ מרשעת,
און דער טרונקוואַסער אין קוועלכל זאָגט מיר מיט בעס:
נחמן, מוחל, מאַך איבער מיר היינט נישט קיין ברכה.
און די בלומען לאָזן נעבעך אַרויס אַ פֿינצטערע געסראָכע.
און אַלץ וואָס איך טראַכט ווערט פֿאַרפּלאָנטערט
און פֿאַרצווייגט,
און אַלץ וואָס איך זאָג ווערט פֿאַרשטילט און פֿאַרשווייגט.
כאַפּ זשע, ליבערשט, די פּיס אויף די פּלייצעס און טראָג זיך אָפּ.
נחמן, וואָס טויג עס, אַז די גאַנצע וועלט איז ברוגז.

ווייס איך דאָך, אַז די וועלט איז צו אַ מענטש געגליכן.
ווייל אַלץ וואָס וואַקסט און אַלץ וואָס פֿליט,
און אַלץ וואָס טוט קריכן וויל נעבעך זיין.
גיב איך זיך אַזוי אַ זאָג אויף קאַטאָוועס:
וואָס איז דען די וועלט?
אָן איינבילדעניש, אַ פֿאַרבלענדעניש.
אַ רגע׳דיקע פֿאַרבייאיקייט,
אָן אויסגעטראַכטע נישטזייאיקייט.
און אַזויערנאָך האָב איך דער גאַנצער יצירה
דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ.
אָן אַלטער בוים האָט געטאָן אַ כליפּ.
ס׳האָט מיר טאַקע גלייך פֿאַרקלעמט ביים האַרץ.
אָבער ס׳איז געגאַנגען אַ גאַנג.
מיט אַ כוח אַ פֿאַרבאָרגענעם
האָט דער גאַנצער וואַלד גענומען זיין
און זיך מאָרגענען.
די ביימער האָבן צוריק אויסגעדרייט די פּנים׳ער צו מיר.
די פֿייגל האָבן געטשוויטשערט.

דאָס העזל האָט זיך צעשמייכלט.
דער טרונקוואַסער אין קוועלכל האָט זיך געבעטן מיט הארץ:
נחמן, מאַך אַ ברכה איבער מיר.
און די בלומען האָבן זיך גענעבן אַ צעבלי
ווי אין גאָרטן עדן.
אַ קראָ האָט זיך צעלאַכט ווי אַ קינד.
און דער גאַנצער ברוגז האָט געטאָן אַ פאַרשווינד.
און איך האָב ווייניקע לופט געשעפּט
און אַלץ האָט געלאַכט און אַלץ האָט געלעבט.
און ס'האָט זיך צעטראָגן אַ פריידיקער געשריי.
ווער איז אַ פאַרבלענדעניש?
ווער איז נישטאָ.
מיר זיינען דאָ, דאָ, דאָ.

און אָט אַזוי האָט אַ ברוגז'ע וועלט
זיך צעמאַרגנט, צעשטראַלט און צעהעלט.
און ס'איז געוואָרן אַ קוויטשעריי,
אַ געשרייערײ, אַ טשוויטשעריי פון קולי-קולות.
מיר זיינען דאָדאָ.
מיר זיינען דאָדאָ.
אַז איך האָב זיך שוין אויך
אַוועקגעשטעלט אינמיטן וואַלד
און מיין קול האָט זיך ווי אַ שופר צעשאַלט.
וועלט, איך שווער דיר ביי דער מאָרגן-שעה,
וועלט, דו ביסט דאָ.

.4

כ׳האָב זיך דערהונגערט,
ביז צום טעם פון ברויט מיט פוטער
און גופיק טראַכטן.
כ׳בין געגאַנגען און מיין גוף איז געגאַנגען מיט מיר,
און ס׳איז נישט געווען קיין איין געדאַנק,
וואָס האָט נישט דורכגעשטראַלט מיין הויט-און-ביינער.
כ׳האָב געקלעטערט און מיינע פיס האָבן געקלעטערט מיט מיר,
און איטלעכע מחשבה האָט געגליט
מיט וואונדערלעכער וואַכיקייט.
און אַז ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט,
האָב איך זיך דערהונגערט ביז פיסנע ברויט
און געטראַכט האָב איך מיט פרייד
איינסיק אין דער פינצטערניש,
באַזונדערע איינסיקייטן וואָס שלעפערן איין,
און וואָס טאָמער זיינען זיי הייליק,
פאַרהייליקן זיי און פאַרדרימלען
פיס און הענט און קאָפּ.
און היינט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אַ הונגעריקער
און אויפן ניכטערן מאָגן האָב איך אָנגעהויבן
פון סאַמע גאָרנישט,
און דער טאָג איז אויך געוואקסן
פון כמעט גאָרנישט, פון שווארץ און קוים-קוים בלוי.
און איך האָב מיינע טונקעלע גלידער
באַפוילן: יהי אור.

און מיר ביידע האָבן געקראָגן ליכטיקע פליגל,
איך און דער טאָג,
און ביידע זיינען מיר געוואָרן איינס
און ביידע האָבן מיר געדאַווגט אויפן קול —
ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן.

.5

אַמאָל דוכט זיך מיר, כ׳האָב עס אַלץ אויף דער האַנט ,
און מיטאַמאָל גיט זיך עס אַ פאַרהויל און אַ פאַרמאַך.
פאַרשטייסט, נתן, מיר איז פלא גאָר אַ סך.
כ׳וויל דאָס מויל נישט צוזאַמענפירן מיטן אייגענעם אויער.
מיר וואַרפן אויף דעם בן אדם אַרויף אַ דרימלעניש.
מען ווייזט אים די ערד אונטן
און העט-אויבן אַ פאַרכטיק הימלעניש.
אָבער אינצווישן איז דאָך אויך עפּעס פאַראַן.
כ׳ווייס, מען רופט דאָס, דוכט זיך, לעבן.
ערגעץ גלוסט אַ פרוי און ס׳פריידיקט
פון וואַרימער באַהעלטעניש דאָס אָפּ׳קול פון אַ מאַן.
נאָר טאָמער נעמט זיך עס אַזוי אין מיר וועבן,
באַפאַלט מיך אַ פחד און איך זאָג :
זעסט יענעם שקאָץ, יענעם געדאַנק,
שלאָג אים מכות רצח, יאָג אים, פאַרטרייב.

נתן, פאַרשרייב.

למשל, נעם דעם יצר טוב — אַ שיינער מחותן,
אַן אָנגעלייגטער גאַסט.
לעבט אויף גוטע קעסט, מיט אַן אויסגעפּאַשעט בייכל פון מצוות.
אָבער אַ צער איז מיר אויף דעם יצר פון שלעכטס.

פרומע אידעלעך טרייבן אים נעבעך האַלדז און נאַקן.
ער פאַסט ביי זיי תעניתים.
ער הלש׳ט נאָך אַ לעפּל וואַרעם געקעכץ.
און וואָס איז דען אויסן דער יצר-הרע ?
חדוה. באַשייד פון פרייד. טרייסט געיערט פון טרויער.
געוויין פון אַליין פאַרצוויים.
איינזאַמע דורות פון פאַרגיין
פאַרמערט אין אייביקן דויער.
וואָס איז ער דען נעבעך אויסן דער יצר-הרע ?
גוף. לייב.

נתן, פאַרשרייב.

ביינאַכט, אויב דו האָסט נאָך אַן אויער,
הערסטו ווי יעדער טויער פון אַלע ש״י וועלטן
וויינט מיט איין רוף :
גוף.
מיינסטו, ס׳איז פאַראַן קנאַפּ געזאַנג אין אַזאַ בענקשאַפט ?
און דאָס איז דאָך ס׳ביסעלע תענוג, משטיינס געזאָגט,
צווישן הימל און ערד,
ביז מען לייגט שערבעלעך אויף די אויגן.
דאָס איז דאָך דער טייערער ניגון פון אַ האַרציקן מה יפית.
דו ווייסט גאַנץ גוט, ווי אויסגעמאַטערט מיין גוף איז,
נאָר ס׳וויינט מיר דאָס האַרץ פאַרן ביסל פאַרגענאַכעס.
יצר-הרע מיינט דאָך יחוד אין צוזאַמען —
וואונדערלעכער צו׳להכעיס.
ס׳מיינט אַ געציטערט וואָרט,
פייער און פלאַמען אין גאָטס געפלעכט פון צוויי.
ס׳מיינט ווייב.

נתן, פאַרשרייב.

כ׳מיין ס׳איז ממש אַ מורא דאָס צו ברענגען אויף די ליפּן.
ס׳איז שפּעט ביינאַכט.
איך גיב דיר, נתן, מיינע רייד, מיטן אויער נישט צו כאַפּן.
ס׳קען נאָך, חלילה, ווערן אַ פאַרמיש.
נו, וועט מען שרייען, ווייל ער אפשר,
מתיר זיין אַן אשת איש?
און וואָס מיין איך דען צו זאָגן?
ס׳רייסט מיר ס׳האַרץ אויפן יצר פון שלעכטס.
דאָס איז דאָך קראַפט, חשק, פאַרלאַנג,
כּוח, געמעכץ,
און ס׳איז דאָך געזאַנג,
און ס׳איז דאָך געוויין און סוד פון שטאָם,
און דאָס איז דאָך תענוג און דאָס איז דאָך ליד.
און גליד־גליד פון היייליקן פלאָם
און דאָס ליכט פון אירם און זיינס וואָס ווערט איין.
נתן, ביסט נעבעך מיד, ס׳קלעפּן זיך דיר די אויגן.
שלאָפסט איין.
לאָמיך נישט איבער מיט מיינע רעיונות אַליין.
וואַך מיט מיר. פאַרבלייב.

נתן,
פאַרשרייב.

אַ ניגון

איז געזעסן אַ ייד איינער אַליין,
אויפן שוועל פון זיין הויז.
זיין באָרד איז נאָך געווען שוואַרץ,
זיינע אויגן יונג.
ער האָט נישט געהאַט נישט קיין ווייב,
נישט קיין קינד.
איז ער געווען טרויעריק און ריין פון זינד.
איז ער געזעסן איינינקער אַליין —
עלנד.

הייבט ער אויף די אויגן צום הימל,
זעט ער ס׳רייט שוין אָן די נאַכט.
באַלד וועט די מלכה שבת פאַרבייטאַנצן
און זאָגן — אַ גוט שבת.
און נאָך איידער ער וועט דערזען איר שיינקייט
און איר לויטערקייט,
וועט זי שוין זיין העט.
און ער וועט בלייבן איינינקער אַליין —
עלנד.

האָט ער אַזוי געזונגען:
צו דער שטילער וועלט,
צו דער גרויסער וועלט,
צו דער גרויסער, גרויסער וועלט.
גוואַלד, איז דאָס אַ טייערע וועלט.

אַבער ווי מיין לעבן, וואָס האָב איך נעבעך פּאַר אַ ווערט.
מיינע שבתים זיינען מיר וויסט,
מיינע ימים־טובים פאַרשטערט.
איך בין דאָך אַן אָפּגעריסן צווייגל,
אַ בידנע פייגעלע אין אַ שטייגל,
בין איך דאָך איינינקער אַליין —
עלנד.

און ווי ער זינגט אַזוי
קומט אָן די מלכה שבת.
און זי איז יינגער פון אַלעמאָל,
און שעמעוודיקער ווי אַלעמאָל,
זי פאַרהאַיעט זיך פאַר זיין שוועל אַביסל,
זי בייגט זיך אָן און גיט אים אַ קוש אויפן שטערן,
דעם ייד מיט דער שוואַרצער באָרד
און יונגע אויגן.

זיצט אַזוי דער ייד אין אַ זיסער שלעפעריקייט.
ער ווערט מיד און מידער,
אַ פריידיקע וואַרימקייט צעגיסט זיך אין זיינע גלידער.
אם ירצה השם, טראַכט ער, באַלד אויף דער פולער וואָך,
וועט ער פערד און וואָגן שפּאַנען
און הייטיאַ — אַוועק פון דאַנען.
איי וועט ער די פערדעלעך דערלאַנגען אַ טרייב
און ער וועט פאָרן און פאָרן זוכן אַ ווייב.
איז דאָס, קיין עין הרע, אַ וואוילע וועלט.
גוואַלד, איז דאָס אַ טייערע וועלט.
און ס׳איז נישט גוט צו זיצן איינער אַליין
אין אַ גרויסער וועלט.
איינינקער אַליין —
עלנד.

דער רייזעמאַן

געקומען צו פאָרן אַ רייזער פון ווייט,
געווען אין ווינע, בערלינע, כינע, פּאַלעסטינע,
אומעטום געווען און אומעטום געוואַן,
אַלץ געזען און אַלץ געזאָן —
דער גרייזער ווייזער רייזעמאַן.

שטעלט אים אָפּ אַ יידל אין גאַס:
— האָסטו געזען דאָס צויבערפאַס
אַוואַדע, וואַדען?
אַוואַדע, וואַדען?
אַלץ געזאָן און אַלץ געזען,
אַליין געזען דאָס צויבערפאַס
מיט דעם גילדענעם עפּלקוואַס.

דערציילט אַזוי דער רייזעמאַן:
געיאַזדעט מיט וואָגן,
און געיאַזדעט מיט באַן,
אומעטום געווען און געוואַן,
מיט די אייגענע אויגן אַלץ געזאַן.

שטעלט אים אָפּ אַ דייטשל אין גאַס
און זאָגט אים: — מאַגע
איך אינען שטעלן אַ פראַגע?
זאָגט דער רייזעמאַן: — אַדראַגע
מיט דער גרעסטער פאַרגענאַגע.

מאַכט דאָס דייטשל אַט אַזוי:
— האָסטו געזען די קופּערנע פרוי?
גיט זיך דער רייזעמאַן ביי דער באָרד אַ גלעט
און זאָגט מיט אַ שמייכל: כ'מאַך אַ וועט.
אוואַדע, וואָדען?
אוואַדע, וואָדען?
אַלץ געזאָן און אַלץ געזען.
אַליין געזען די קופּערנע פרוי,
ווי איך בין אַן אַלטער גוי.

דערציילט אַזוי דער רייזעמאַן:
געריטן אויף אַ פערד, אונטער דער ערד,
געווען אין האָצים, אין פּלאַצים,
אין רייסן, אין פרייסן,
אין אונגאַרן, קירע, און שושן הבירה,
אומעטום געווען און געוואָן,
מיט די אייגענע אויגן אַלץ געזאָן.

אין שענקל איינער אַליין
זיצט דער רייזער איבער אַ גלעזל וויין
און טראַכט: וואָס־זשע וועט מאָרגן זיין?
אַלע ליגנס אויסגעלייגט,
אַלע דערציילענישן אויסדערציילט,
אַלע לענדער אויסגעטראַכט,
אַלע רייזן אויסגעדאַכט.
אַ מכה געזען און אַ מכה געזאָן,
נישט געווען און נישט געוואָן —
דער גרייזער ווייזער רייזעמאַן.

צו אַ שוועסטער אין ווייטעניש

איך שיק דיר אַ פּאָר ווערטער פּייל אויסן בויגן.
דיינע דערשראָקענע צעפּלעך
זענען יינגער פון דיינע אויגן.
דיינע באַקן זענען קראַנק.
שרייבסט מיר טויזנט בריוו אין געדאַנק
און מעקסט זיי אויס מיט אַ שמייכל.
וואַקסט יעדן טאָג מיט די גראָזן,
אָבער ביי מיר ביסטו אַלץ
אַ מעדאַליאָן אויפן האַלדז,
וואָס דערמאָנט.

און איך, וואונדער איבער וואונדער,
בין פון דיר נישט ווייט און נישט נאָנט,
נאָר באַזונדער, אומגליקלעך באַזונדער.

אַ חלום

אייביק ווי שטילקייט איז דיין וואָרט,
רבינו געטרייער.
ברענסט און פאַרברענסט ניט דיין אָרט,
מיט אַ הייליק פייער.
צווייגסט און בלעטערסט מיט רייד,
ווי אַ בוים אַ צעמענטשטער.
איך צי אַרונטער די שיך,
טרויעריקער, געבענשטער.

צעפליכטער פויגל,
אָפּגעקראַכענער, אַלטער,
פּאַרזאַם זיך ביי מיין פענצטער,
ציטערדיקער, קאַלטער,
איידער דו ציסט אַוועק אין די וואַרימבעדער.
איך, דיין פאַרהאַלטער,
בין נישט קיין יעגער און נישט קיין פּיילן־שיסער.
איך בין בלויז אַ נייגעריקער ווילוויסער.
ווער ביסטו, מיטן אינטעליגענטן שנאָבל
און מיטן מאַנאַקל אויפן בלינדן אויגל.
מאַכט דער פויגל מיטן פויגלשן טראַפּ —
טשעפּעזיבאַפּ.

פויגל קלוגער, איך דערמאָן זיך.
ליבער פויגל איך דערקאָן דיך.
איך דערקלער דיר און איך שווער דיר,
ביי דעם וואונדער פון דער וועלט.

ביי דעם זינגיזינגנדיקן וואונדער,
ביי דעם טרעליצערטלדנדיקן וואונדער
פון דער וועלט.
נאָר דער פויגל, ווי ניט אים מיינט מען,
שאָקלט אַלץ מיטן קאָפּ —
טשעפּעזיבאָפּ.

מאַכט צורעכט דער אַלטער פויגל מיטן פיסל דעם מאַנאַקל
און וויקלט זיך אַרום דעם האַלדז מיט אַ וואָלענעם שאַליק.
ער גיט זיך אַ שטאָלצן צעפּעדער און צעשאָקל —
אני הצפּור של ביאַליק.

ווער איך ממש אַ געליימטער
און קוים וואָס איך רעד, אַ פאַרשעמטער,
זאָג איך: שלום, פויגל אויסדערוויילטער,
פון מיליאָנען איינציקער, געציילטער.
זע מיין פרייד, וואָס ביסט נישט דער פינצטערער פּאָו'עסער,
נאָר אַ נאַשבראַט — אַ יידישער פויגל, אַן אָדעסער.
ווערט ער שוין אַביסל אויפגעלויכטן און שטראַליק
און פאַרנויגט זיך מיט שטאָלץ —
אני הצפּור של ביאַליק.

אַנגעלייגטער גאַסט, איך באַגרים דיך.
פויגל פון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.
ווי, וויפיל וואַסערן זיינען אָפּגעפלאָסן.
פאַרוואָר, פאַרוויאַנעט גראָז איז איצטער דאָס פאָלק,
און דאָס האָט ער דאָך געזאָגט דעמאָלט,
ווען יידיש לעבן איז נאָך געווען לעבעדיק און קוואַליק.
פאַלט דער פויגל מיר אַריין אין די רייד —
אני הצפּור של ביאַליק.

מיוחס׳דיקער פריינט, מיין אַלערטיפסטער באַוואונדער.
וואָס פּאַראַ גרויסן ברענגסטו פון דער וועלט דער רונדער.
פאַרברענט אויף קויל אַ האַלבע מאה יאָרן,
זייט דו האָסט אויפגעעפנט דאָס שענסטע יידישע מויל,
אויב דו האָסט אַ זכרון געדענקסטו,
ווי דו האָסט, אַ פרילינג-פויגל, אַנגעקלאַפּט אין פענצטערל
פון זיין מוח.
חכמה האָט ער געהאַט, וואָרט האָט ער פאַרמאָגט,
וואָס אַזוינס האָסטו אים געזאָגט,
וואָס האָט אין אים גענערט יידישלעכע פרייד,
און דורות׳דיקן טרויער?
ער איז דאָך געוואָרן אונדזער פעלז.
אַ מויער איז ער אונדז געווען.
און טאָמער האָט מען באַדאַרפט זינגען,
איז ער געווען משורר.
און צאָרנען האָט ער געצאָרנט,
שטראָפן האָט ער געשטראָפט
און וואָרנען האָט ער געוואָרנט,
און געווען איז ער אַ וועקער,
אַ שאַלער, אַ טרייסטער, אַ מעורר.
פויגל פון האַרבסט, איידער דו שטאַרבסט
און ווערסט בלויז אַ געדעכעניש,
אפשר קענסטו מיר איצט איבערענטפערן
בירושה דאָס וואָרט.
עס וועט אסור זיין אַ פאַרשוועכעניש פון זיין נאָמען.
איך וועל אַ בלאָז טאָן דעם לעבעדיקן אָטעם
אויף דעם גאַנצן גלות,
אויף דעם גאַנצן לעבן אונדזערס,
וואָס איז איצט אַזוי פאַראומגליקט,

פאַרדרויבט, פאַרפינצטערט און פאַרפאַליק.
פויקט אוים דער פויגל אויף מיין שויב —
אני הצפור של ביאַליק.

שלום רב, צו דיין צוריקקום,
פויגל האַרציקער, אָן געזאַנגען,
פון דעם ווייטן פאַרגאַנגען, צו מיין פענצטער.
ווי אויסגעגאַנגען בין איך פון בענקשאַפט
נאָך דיין זיסן קעלכן און קלוגן שנאָבל.
איצט וועסטו אַוועק אין די וואַרימלענדער.
און מיר וועלן בלייבן אָן אַ ירושה-וואָרט און אָן פרייד.
די טאַטעס אונדזערע האָבן געגעסן זויערע רייד,
און די ציין פון די קינדער ווערן אַליק.
פאַרוואָר, גראָז איז דאָס פאָלק,
און די פירער זיינען בהמות און שטאַליק.
פאַרריכט דער פויגל דעם מאַנאָקל
אויף דעם האַלב-בלינדן אויג,
און גיט זיך פאַר מיר דעם לעצטן פאַרנויג —
אני הצפור של ביאַליק.

אין אַ טשעפּל

מיט מעשׂנגע רייד האָט דער קליינער ראַביי,
נאָר־וואָס צערעכט געמאַכט
דעם אויסגעמאָגערטן מת.
די רגע שטילקייט געשעט ווי אַ מעת־לעת.
טרויער פינצטערט קאָקעטיש דעם ראַביים פּנים.
דער מת ליגט מאַיעסטעטיש.
ער האָט נאָר־וואָס געקראָגן אַ האַפט אין לעבן.
מיט פאַרצווייפלטע געדאַנקעלעך
זוכן מיר אַ האַפט אין טויט.

די צוגעשימלטע אייביקייט
קריכט אַריין אין די ביינער,
און יעדער איינער פאַר זיך
שיקט אַ ציטערנדיקן עס־אַ־עס
צום מת.
דער ראַביי בייגט זיך אָן
און שעפּטשעט דער אלמנה אויפן אויער.
פּנים'ער פאַרשוויבט מיט שרעק און טרויער,
זוכן ביי איר די באַהאַלטענע טרער.

דער אָרגל טריפט שטילקייט ווי הייסן וואַקס
אויף פאַרשלאָפענע קעפּ.

נאָך אַ רגע וואַקסט אויס
ווי אַ מורא׳דיקער שאָטן.
ס׳וועקן אונדז רוישלאָז פון דרימל
ווייכפּוסיקע פאַרשווינען.
אַ שאָד, מיר וואָלטן דאָ געזעסן לענגער
און געמאַכט רעפּעטיציע מיטן טויט,
כדי זיך צו אים צוגעוואוינען.

גרויסע וועלט פון שטילן וואונדער

נישט אויסגעפייניקט — אויסגע׳תענוג׳ט האָב איך דיך,
וואונדער אויף מיין צעשפיגלטן דאַך.
אַ פויגל פאַר׳חלום׳ט אַ שלוק רעגנבלייב אין זיין ליבן האַלדז.
איך שפּיגל זיך אין מינדסטן טראָפּן
און זע די גרויסקייט וואָס האָט זיך פאַר קליין פאַרשטעלט.
אין די דלד אמות פון מיין בענקען,
שפּרייזט די רחבות פון גאָר דער וועלט.
אַרוים דורך טיר און פענצטער,
זינגט דאָס פּעטיטע וואונדער פון מיין געצעלט.

אַרום מיר אַ פאַרפויערטע שטילקייט.
עס אָטעמט בלום אין בלי און ס׳לעבט בלום אין וועלק.
אַ מאַן טראָגט אַ שעפל מיט שוימיקן געמעלק
און כאַפּט מיך אויפן שאַרף פון זיין גוטמאָרגן.
אַ פאַרוואָלקנטע פרוי צופּט די סטרונעס פון אַן
אייטערדיקער האַרף.
אַ קינד שפּילט זיך מיט די הענטלעך אין אַ וויגל.
געגודער פון געפליגל.
געזעגנג און געטענץ פון הענער און הינער,
קאַטשקעס און גענז.
ס׳איז גרויסער טאָג.
אַ פלאַטער איז אָנגעפלויגן און אַוועק.
אַ מיידל מיט טרויעריקע אויגן
שירעמט זיך קעגן זון מיט אַ גרינעם הוט.
זי זינגט פאַר זיך און אויף די וועגן קומט אַנטקעגן איר געזאַנג :

צו דער וועלט פון אַזויפיל ליכטער,
איז געקומען אַ פאַרנאַכט אַן אומגעריכטער
און פאַרשווידערט מיט שטילשווייג און דערוואַרטן.

און אַ נאַכ׳קול ענטפערט אָפּ:
די נאַכט פינצטערט איבער שטילע ברויטן.
אייביק איז מיין וועלט פון ליכט.
איבער אַלע דיינע משוגע׳נע טויטן,
גייט אויף מיין שטערן אומגעריכט.

דאָס מיידל מיט דעם גרינעם הוט פאַרשאָטנט איר אייגן געזאַנג:
די גרויסע וועלט פון שטילן וואונדער,
פלעמלט אין פאַרנאַכטיק ליכט.
און אין יעדן פאַרדרימלטן אויג באַזונדער,
שטערנט אויף אַ חלום אומגעריכט.

דאָס נאַכ׳קול ענטפערט אָפּ:
אויף דיביימער זינגען טונקעלע קרוינען.
די דעכער שפּיגלען זיך אַנטקעגן נאַכט,
און אַלע קליינע, באַטאָגיקע לוינען,
ווערן איצטער וויינענדיק פאַרלאַכט.

דעם אָוונטיקן דועט טראַכט איך אַן אַזוי אויף זיך:
ווי ווייניק וועלט ס׳איז מיר באַשערט,
ווערט דאָס וואונדער נישט פאַרקליינט.
און האָב איך עפּעס באַזונדערט און צעשטערט,
ווערט עס איצטער צוריקגעבויט און פאַראייניט.

דאָס מיידל זינגט מיט רופנדיקע ליפּן.
דאָס לאָרעליי־קול שלעפערט און שרעקט.

מיינע אויגן ווערן זעעוודיקער און גרעסער,
מיינע אויגן ווערן אויפגעפלעקט.
דאָס מיידל פאַרשווינדט, דאָס נאַכ׳קול פאַרטונקלט.
די נאַכטיקייט ווערט אָפּגעהילט פון טאָג.
און צו דער באַפעלערישער שטילקייט
גיב איך אַזוי אַ זאָג:
גאָט פון אַלדי רוען,
פאַראיצטיק מיך אויף שטענדיק,
מיט מיין חלום און מיט מיין וואָר.
דעם לעצטן ניגון לעש אוים, פאַרענדיק,
און פאַרגליווער מיך אויף טויזנט יאָר.
און טויטערהייט וועל איך געדענקען
דעם אָוונטשיין אויף אַ ליכטיקער וועלט,
און יאָר איין יאָר אוים שטאַרקער בענקען,
נאָך דעם פעטיטן וואונדער פון מיין געצעלט.

קליינע נאַכט־מוזיק

.1

פאַרשאָטן מיך, פאַרטונקל מיך, פאַרשווינד מיך.
איך בין צו קליין צו לעבן גרויס.
געשע אַרום מיר וואָס ווייניקער,
פלאַטער אַרום מיר סודות פון קלייניקייטן.
גיב מיר אָפּ מיין חלק וועלט
אויף אַ קליין טעלערל,
און צאַפּל מיך אַרום מיט זונאויפגאַנגען,
פאַרגאַנגען, רעגנס, שלאָף.
גיב מיר דאָס קלענסטע בעטל.
כ׳בין צו קליין צו לעבן גרויס.
גיב אויף מיר אַ שטילן בלאָז
און לעב מיך אויס.

.2

ס׳זיינען אָנגעפלויגן די פייגל,
מיט דעם פאַרנאַכט אין זייערע
זינגענדיקע העלדזלעך.
אַ העזל ווערט פאַרגליווערט פון שרעק
און קייקלט מיט די אויגן.
ס׳פעלד ליגט אָפן
אַנטקעגן אַ רויט־צעפּאַסמעוועטן הימל.
אַ דאָרף־פידלער גייט אַהיים,

מיט דער לאַסט פון אויסגעשפּילטע לידלעך.
די נאַכט קומט אָן ווי אַ דין גלעקל.

.3

אַ איך בין, איך בין.
טרויעריק בין איך און קוים-קוים זינגעוודיק.
דער איטאַליענער פירט אַהיים ס׳קליינע מאַלפּעלע,
און איך זיץ פאַר מיין הויז
און באָד זיך אין שטילקייט.
ס׳קליינע מאַלפּעלע האָט אַ קלוג עקל
און ס׳גייט בריה׳ש אויף צוויי.
די נאַכט וואַקסט אויף מיר אָן שוואַרצע פליגל
און איך שווידער אויף ווי אַ פלעדערמויז.

.4

ס׳וויגן וויגן, שטילע וויגן,
שלאָפנדיקע וויגן.
די נאַכט איז געבליבן הענגען אויף אַ שטיק הויז.
אַ פענצטער ווערט זיך מיט אַביסל ליכט.
די קינדער האָבן טייערע קעפּלעך —
אפילו אין דער פינצטער ווייסן זיי אַלץ.
וואָוילע קינדער מיט צוגעמאַכטע אויגן
און ליכטיקע שרעקן.

.5

פאַרוועך מיר נישט
צו זיצן אין דער פינצטער און טראַכטן.
דו וועסט נישט קומען צו מיר.

אפילו אין שלאָף וועסטו
פאַר'עקשנ'ט נישט קומען צו מיר.
פאַרזאָג מיר נישט מיטן האַרבן וואָרט,
איך וועל דיך אויסטראַכטן
פון קאָפּ ביז די פּיס
און וועל דיך איינראָגלען לעבן מיר
ווי אַ שלאָפנדיק קעצל.

6.

אַ קליינער, טרויעריקער רב
זיצט איבער אַ ספר'ל און גענעצט.
אַ זילבערנע אשה שטייט פאַרגליווערט אין ווינקל,
מיט אַ געקאָכט הינדל אין טעפּל.
זי זינגט אַ שאלה.
טראַ־לאַם.
דער רב דרימלט איין.
די אשה זעצט זיך אַוועק אויף אַ פּייערטאָפּ,
מיט רויט־שוואַרצע, צעבלאָזענע קוילן.

7.

טייערע נאָנע, מיט די קינדישע פּיסלעך,
און אַלטן קעפּל.
די נאַכט באַלאַסטיקט דיך ווי אַ שווערער צלם.
דו עפנסט אַ קליינע טיר
און פאַלסט אַוועק אויף אַ שמאָל בעטל.
אין ווינקל הענגט אַ שווערער, רויטער לאָמפּ.
דו ווערסט לייכטער און לייכטער.
דיין אַלט פּנים
ווערט פאַרטריפט מיט שלאָף.

.8

אַ קליין פענצטער, אַ זיכער מויל,
אַ רואיקע באָרד.
די אַלטע נאַכט איז נישט זיין לעצטע.
דאָס זיכערע מויל זינגט:
ס׳איז דעם זינדערס וואוילזיין,
אַ הויז פון קאָרטן.
אָבער מיין טרויעריק שיפל
וועט זיך דערשלעפן צו אַ באָרטן.
וועסט אונדז אַלעמען קעריק
פירן אין דיין ליכטיקן האַרבעריק.

דאָס זיכערע מויל איז זיכער מיטן מאָרגן.

.9

פאַראַן אַ דאָרף מיט שווייגנדיקע בלומען
און טאָג און נאַכט דרייט זיך דאָרט אַ קליינע מיל.
געבוירענע עקסלעך קייען זיסע גראָזן
און דער פאַרנאַכט גרילט אינדערשטיל.
דאָס איז אַ וועלט פון זינגנדיקע צייכנס.
טירלעך שטייען אָפן ווען די נאַכט רייט אָן.
אַ גרייז-גרויער מאַן פאַרשווייגט זיין אַלטן הונט,
וואָס איז סיי-ווי אין זיך פאַרטאָן.

.10

זאָל איך בענקן נאָך יענער פאַרטרויעריקטער פרייד,
וואָס האָט פאַרגעהיימט דעם קלאָרסטן זאַלבעצווייט
און פאַרטרערט דעם שענסטן שמייכל?

די אומזיכערקייט איז געווען אייביק,
און אין דעם אייביק איז געלעגן דער פֿאַרבונד.
איצט איז די פרייד אַ פריילעכע
און יענער וואונדער פון טרויער
איז פֿאַרקינדישט.
און אַלץ איז קלאָר
און דער זאַלבערצווייט איז געזאַנג.
אָבער דער אייביק איז פֿאַרוואָלקנט
מיט פֿאַרגאַנג.

.11

דאָס טרויעריקע ווייב האָט געציילט קליינע זילבערלעך
און אַרויפגעבראַכט שוואַרציק ברויט מיט פוטער.
די פֿאַרע פון דער הייסער טיי האָט פֿאַרוואָלקנט
די באַגערנדיקע מוטער.
כ׳האָב געהערט אירע קליינע רייד.
די נאַכט האָט גערולדיק צוגעוואַרט.
זי האָט זיך אָנגעבויגן איבערן בעט
און דעם צודעק אָוועקגעשאַרט.

.12

געטרוי מיר פונדאַנען ביז אַהער
און עטלעכע טריט ווייטער.
כ׳גיי אַליין און וועל דיך נישט נאַרן.
כ׳וועל דיר ברענגען מיין אָפּן פּנים
און דו וועסט אָנען אַלע דערפֿאַרן.
איך בין אָנגעטרויעריקט מיט ביכער,
און אָנגעטרונקען מיט ווייַן פון צייטן,

און איך בין פלעגמאַטיש ווי אַ קאַץ,
וואָס לעבט אויף אַלעמגרייטן.
זע, ווי איך קום צוריק צו זיך
צום וואונדער פון ערשטן פינטל.
פאַרמאַך דאָס פענצטער, ליבער פריינט,
און היט מיך אויס פון מינדסטן ווינטל.
און אינדערפינצטער זיינען מיר צוויי.
וואָס קען נאָך זיין ווייניקער און מינער.
צו אַלע נישט-געזעטיקטע פאַרזוכערס
בין איך דער האַרציקסטער פאַרגינער.
לאָמיר אָנזאָטלען דעם שלאָף
און רייטן אין אַן אייגענעם גאָרטן.
און אינדערפינצטער וועלן זיך קושן
די געמעגטן מיט די נישטגעטאָרטן.

נעם א פנקס און פארשרייב

בירגערקריג

וועסט איבער מיר נישט געוועלטיקן,
מיין ברודער קין.
אין יעדער דור וועל איך מיט דיר דעם קאמף באנייען,
ביז ס׳וועט אמאל פארמענטשט ווערן דער טרויעריקער וואלד.
מיין טויט הערשט איבער דיר און איבער דיין שלעכץ.
פארשוועכט האסטו אונדזער יונגע ברודערשאפט.
די מאמע וויינט ביי אונדזערע יידיקע בעטן,
ווייל דו ביסט ארוים אין פעלד זיך פארוועטן,
מיט אייגן פלייש-און-בלוט —
וואס איז ליכטיקער, פינצטערניש צי ליכט,
וואס איז האפטיקער, שלעכט צי גוט?
אז איך וועל זיין טויזנטמאל טויט,
וועסטו אלץ זיין טויטער,
און דיך וועט אפמעקן דער טאג
און מיר וועלן לעבעדיקע שטעלן בליענדיקע מאנומענטן.
ס׳זעצט מיין קרבן דיר אין די נאזלעכער.
ס׳איז פארנאכט און ערב-לעבן און ערב-פרייד.
הער, ווי מען זינגט אין שלאכט לעבן אונדזערע היימען,
דאס זינגט די פרייד פון טויט וואס האט א מארגן.
אבער היינט, ברודער קין,
איז די נאכט קיינעמס און דאס שטיקל ערד איז קיינעמס.
הער זיך צו ווי ס׳קלאפט דאס ערלעכע הארץ פון א לאנד.

די נאַכט בליצט מיט ליכטיקע ביקסן.
באָמבעס פלאַנצן געוויקסן אין רואינען,
וואָס נישט זיי גרינען,
נאָר גייען אויף אין דערשראָקענעם רויט.
קינדער זיינען שטיל.
און אַז קינדער זיינען שטיל
איז מורא׳דיק שטיל.

אַ גוטע נאַכט, וועלט

אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט.
גרויסע, שטינקענדיקע וועלט.
נישט דו, נאָר איך פאַרהאַק דעם טויער.
מיט דעם לאַנגן כאַלאַט,
מיט דער פייערדיקער, געלער לאַט,
מיט דעם שטאָלצן טראָט,
אויף מיין אייגענעם געבאָט —
גיי איך צוריק אין געטאָ.
וויש אָפּ, צעטרעט אַלע גע'שמד'טע שפּורן.
כ'וואַלגער זיך אין דיין מיסט,
לויב, לויב, לויב,
צעהויקערט יידיש לעבן.
חרם, וועלט, אויף דיינע טריפה'נע קולטורן.
כאָטש אַלץ איז פאַרוויסט,
שטויב איך זיך אין דיין שטויב,
טרויעריק יידיש לעבן.

חזיר'ישער דאַטש, פיינטלעכער ליאַך,
עמלק גנב, לאַנד פון זויפן און פרעסן.
שלאַברע דעמאָקראַטיע, מיט דיינע קאַלטע
סימפּאַטיע-קאָמפּרעסן.
אַ גוטע נאַכט, עלעקטריש צע'חוצפה'טע וועלט.
צוריק צו מיין קעראָסין, חלב'נעם שאָטן,

אייביקן אָקטאָבער, דריבנע שטערן,
צו מײַנע קרומע גאַסן, הויקערדיקן לאַמטערן,
מײַנע שמות, מײַן סוואַרבע,
מײַנע גמרות, צו די האַרבע
סוגיות, צום ליכטיקן עברי־טײַטש,
צום דין, צום טיפֿן מײַן, צום חוב, צום גערעכט,
וועלט, איך שפּאַן מיט פֿרייד צום שטילן געטאָ־לעכט.

אַ גוטע נאַכט. כ׳גיב דיר, וועלט, צושטײַער
אַלע מײַנע באַפֿרײַער.
נעם צו די יעזוסמאַרקסעס, ווערג זיך מיט זייער מוט.
קראַפּיר איבער אַ טראָפּן פֿון אונדזער געטױפֿטן בלוט.
און איך האָב האָפֿן אַז כאָטש ער זאַמט זיך,
גייט אויף טאָג־איין־טאָג־אויס מײַן וואַרטן.
ס׳וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער
אויף אונדזער בוים דעם פֿאַרקוואַרטן.
איך דאַרף קיין טרייסט נישט.
איך גיי צוריק צו דלד אמות,
פֿון וואַגנערס געץ־מוזיק צו ניגון, ברומען.
כ׳קוש דיך, פֿאַרקאָלטנט יידיש לעבן.
ס׳וויינט אין מיר די פֿרייד פֿון קומען.

אַפּריל, 1938

ל ת ר צ ״ ט

ס׳ווערט אונדז אָרימער דאָס לעבן און קלענער די וועלט,
געמינערט אונדזערע פריינט, צאָלפאַך אונדזערע שונאים.
אומדערבאַרמיק איז די נאַכט צום חולה,
אונדז איז אויך בייטאָג די זון פאַרשטעלט,
אַ פלוך האָט געטראָפן ווי אַ דונער יעקב׳ס געצעלט,
עס ווערט אונדז איינגעשרומפּן די וועלט.

זע ווי אַ סך מיר זיינען, אונדזערע אָפּטריניקע זיינען מיט אונדז,
דער פיינט האָט זיי אָנגעיאָגט אינמיטן אַנטלויפן.
פאַרנעם זייער שווייגן. ס׳איז אויך אונדז שוין דאָס ווינען
ווידערווייליק.
אָבער הער ווי דער מערדער האָט באַפוילן: פאַרטיליק!

ס׳פאָרן נאָשפּיץ אונדזערע פאַרלענדער,
זיי האָבן אונדזער גאַנצן גלות אונטערגעצונדן פון אַלע זייטן.
מיר זיינען אין אַ כאַפּקע, די אָנרייצער טייטלען אויף אונדז
מיט די פינגער און זאָגן:
אָט איז די שולד פון אַלע פלאָגן.

וועג־גייער ציען פאַרביי און שמוצערן אפילו נישט מיט די ליפּן.
צי איז אימיצנס בראָך אַזוי ווי אונדזער?
ווייל אויך זיי זיינען באַלאַסטיקט און צעטראָטן,
קריכן זיי נאָך טיפער אין זייער שווייגן ווי די קראָטן.

צו ווען מען זאָלן מיר אויפהייבן די אויגן,
ס׳איז די וועלט איצט רשע אָדער קרבן.
און אינצווישן אַ האַז וואָס האָרכט צום מינדסטן שאָרכן
און באַוויינט דעם אמת וואָס איז געשטאָרבן.

אונדזער דלות האָט אַ גילדענע ראָם,
פאַרגינען זיי אונדז נישט דאָס לעבן.
מיר וואָלטן שוין אונדזערע ראָטשילדס אַוועקגעגעבן.
אָבער אפילו אונדזער יידענע מיט באָב
איז זיי גרוים אין די אויגן.
אויך זי האָט ביי זיי דאָס בלוט אויסגעזויגן.
זע ווי זיי רייסן אונדז פון מויל דאָס פיסנע ברויט.
קלאָגן מיר דעם קלאָג פון הונגער-טויט.

פרעמדע סלונע געשלונגען פון פרעמדע פעלקער.
איצט וועט די זיפּ אונדז איבערזיפּן.
זיי וועלן די גאַנצע וועלט פאַרשרייען —
זיי זיינען זעמל-מעל, מיר דאָס קלייען.
עס איז זייער יום-טוב פון איבערהיפּן.
אויף אונדזערע טירן די געלע פאַרבן.
מיר, די בכורים, מוזן שטאַרבן.

אַלע גוטע קריסטן שלאָפן,
נאָר מיין הויז איז וואַך.
קריסטל, קריסטל, אַז וואויל איז דיר,
ס׳וועט דער משחית טרעפן צו מיין טיר.

דער הימל איז הימל צו גאָט,
די ערד האָסטו איבערגעענטפערט אין רשע׳ס האַנט,

ער זאָל שאַלטן און וואַלטן.
זאָל דער הימל זיך שפּאַלטן,
אָדער עפּן פאַר אונדז כאָטש אַ קליין פענצטערל פון רחמים,
ווייל מיר זיינען צו אויסראָטונג אויסגעשטעלט.
ס׳ווערט אונדז אָרימער דאָס לעבן און קלענער די וועלט,
עס ווערט אונדז ענגער די וועלט.

וועגענער

מיט שטילע צייכנס פון ווייט
קומען אָן פאַרנאַכט טרויעריקע וועגענער.
ס׳שטייען אויפגעפּראַלט די טירן,
נאָר אינערגעץ וואַרט נישט קיין באַגעגענער.
ס׳דאָרף איז רואיק, ס׳קלינגען גלאָקן פון שטילקייט.
ס׳בייגט זיך געהאָרכיק יעדער גרעזל
אונטער צעצונדענער קילקייט.
עטלעכע קראַנקע יידן קריכן פון די וועגענער אַראָפּ
און ס׳פּלאָנטערט זיך אַ קלוג וואָרט
אין יעדן פאַרטראַכטן קאָפּ.
גאָט, אויף דיין וואָגשאָל פון גוטס און פון שלעכטס
שטעל אַוועק איצט אַ טעלער וואַרעם געקעכץ,
אָדער גיב כאָטש אַ וואָרף
אַביסל האָבער פאַר די מאָגערע פערד.
ס׳ווערט פינצטערער די מויטקייט פון דאָרף.
אַ גרויזאַמע שטילקייט באַפאַלט די יידישע בערד
און איינער אין אַנדערנס אויגן דערזעט
ווי ס׳שוידערט אויף מיט שרעק אַ געבעט —
אַז ס׳וועט קומען דער טויט
זאָל איך נאָר נישט בלייבן דער לעבעדיקער איינער.
פאַרזע מיך נישט מיט מיינע דינע ביינער.

יוני, 1938

די נאַכט האָט זיך צעבליט

הער ווי מאָרד
ווערט געריםט און געגרויסט.
הער דעם הייל
צום בלוטיקן פויסט.

מיט דעם הייזעריקן
האָרסט ווערעל געזאַנג,
איילט זיך אַ פֿאָלק
צום אונטערגאַנג.

די נאַכט האָט זיך צעבליט
ווי אַ בלאָטער אויף אַ קאָרק.
אַ צעיוכעטער זיגער
שטייסטו אינמיטן מאַרק.
ס'איז פֿינצטער דיר דיין לעבן,
געפֿינסט זיך נישט קיין אָרט.
וואַרטסט און וואַרטסט און האָפֿסט
אויף מיינס אַן איינציק וואָרט.
אָבער איך לאָך דיר אין פּנים
מיט אַ טויט געמיט.
(ווי אַ מיאוסער בלאָטער
האָט זיך די נאַכט צעבליט.)
איך פּייניק דיך מיט שווייגן.

דו זוכסט אין מיינע אויגן
אַ טרייסטוואָרט אָדער אַ שעלט.

ס׳שטיקט דיך דער רויך
פון מיין פאַרברענטער וועלט.
וויינסט, דו טרויעריקער מערדער,
רעוועסט אויף אַ קול.
זוכסט ביי דיין קרבן
אַ שותּף צו דיין עול.
אָבער איך בין שוין געוועזן
פון דיין לעצטן קלאַפּ.
איך בין שוין אָפּגעוועזן
און דו ביסט אַלץ נאָך דאָ.
אין מיינע פאַרגלייזטע אויגן
איז פאַרשפּיגלט דיין לעצטע שעה.
אַ פריידיקע רואיקייט
האָט זיך אַרום מיר צעגליט,
(ווי אַ מיאוסער בלאָטער
האָט זיך די נאַכט צעבליט) —
איך פייניק דיך מיט שטילקייט.

אויף דעם העכסטן מויער
גיי אַרויף און פאַרשעלט
אַ לאַכנדיק פּנים
אַ רואיק געצעלט.

מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט.
אין פריידיקן כאָר,
הערסטו די גסיסה
פון אַ לעצטן דור.

יאַנואַר 1939

האָסט חרוב געמאַכט

האָסט חרוב געמאַכט די ניסים׳דיקע וועלט,
די קינדערשע, די גרזאַנגיקע.
ס׳וויקלט זיך אַ פינצטערניש אַ שלאַנגיקע,
מיט פאַרגיין בלוטיקן אַלע שויבן.

כ׳האָב שוין גע׳טענה׳ט צום שטיין מיט גלויבן,
געהאַקט דעם שטיין מיט אומטרוי פון אַ שמייכל,
און אַלץ קיין טראָפּן וואַסער נישט צו קריגן.
(די לבנה שפּאַצירט שוין אַרום פון איר זילבערן געצעלט,
אַזוי זאָל אויך דיין מזל שיינען אויף דער וועלט —
פלעגט דער טאַטע מיך פאַרוויגן.)

די נאַכט האָט מיר גאָרנישט צו דערציילן,
די טעג זיינען פאַרשעמטע, צעטראָטענע.
די גזלנים זיינען אַרויס פון די היילן
און שפּאַנען הפקר אויף וועגן פאַרבאָטענע.

איך זינג צו דער נאַכט, אָבער זי שווייגט.
איך רוף דעם טאָג, נאָר ער פאַטשט מיך פאַרביי,
ס׳זשאַווערט די לאַנגוויל און ס׳שטייגט
די מורא פאַר דער תפיסה׳דיקער פריי.

האָסט חרוב געמאַכט די וואונדערדיקע וועלט,
די גלויבלעכע, די פאַרנאַכטיקע.

ס'צעטיילט אונדז אַ שנאה אַ פּאַרדאַכטיקע,
אַלע שיינע שפּרוכן באַמיסטיקן די גאַסן.

די מיידלעך גיפטיקן מיט די אָפּצאַסן,
נאָר ס'ווערט דער ליבער גיפט אין מיינע אָדערן צעוואַסערט.
דער בליץ פון אויג צו אויג ווערט אַ ליגן.
(די לבנה שלאָפט שוין אין איר זילבערן געצעלט.
דאָס פייגעלע האָט זיך פאַר אַ קאַנטשיק פאַרשטעלט —
פלעגט דער טאַטע מיך פאַרוויגן.)

טרויעריקע נאַכט, ס'האָט דיך אַ פייל אין סאַמע האַרץ געטראָפן.
ביסט טויט און קאַלט און פאַרשטיינערט.
שוין וויפיל שעה'ן און קיין מעשה'לעך זיינען זיך
ניש‍ט פאַרלאָפן —
ס'האָט זיך שעה אין שעה פאַרציינערט.

ס'איז מיאוס דאָס מענטשלעכע לשון, פאַרפרוירן ווארימע רייד.
פון מויל צו מויל בלאָזט אַ ביטערע קעלט.
האָסט צוגענומען פון אונדז די זינגענדיקע פרייד,
חרוב האָסטו געמאַכט די ניסים'דיקע וועלט.

מערץ, 1939

אונדזער פרייד

פאַראַן אַ פרייד וואָס זינגט אין אַלע ביינער,
אַ פרייד וואָס דערהויבט דעם נידריקסטן פון מיסט,
וואָס מאַכט פאַר אַ האַר דעם קנעכט —
דאָס איז די פרייד פון זיין גערעכט.

און איר, באַלאַדענע מיט מאַכט,
איר פאַראומריינטע מיט בלוט-פאַרגאָס,
גיט אַ טראַכט פון דעם לעצטן שמייכל אַנטקעגן אַ שאָס,
פון דעם געזאַנג אין טויט.
צעפּלינדערט, צעטרעט, צעשיסט, צעשעכט.
בלייבן וועט די פרייד פון זיין גערעכט.

נישט קיין טרערן און נישט געוויין.
מיר מאָנען, מיר די שוואַכע,
אַנטקעגן ביקס און שווערד.
מיר שטורעמען מיט פרייד,
מיר פאַרלאַנגען זיכערע ערד.
איר האָט אונדז געגעבן דעם שטאַרקסטן וואָפן,
מיר וועלן שטערן אייער שלאָפן,
מיר וועלן פאַרוויסטן אייערע טריט,
פאַרפינצטערן אייער וועלט,
מיט דעם כוח פון אומגליק,
מיט דעם פאַרגרויזאַמטן וואונדער פון אונדזער לעבן.
איר וועט געבן. איר וועט מוזן געבן.

אייערע רייד זיינען אומזיסט,
איר וועט ענטפערן פאַר דעם עלנד, פאַר דעם וויסט,
פאַר דער שוידערלעכער פרייד,
וואָס דערהאַלט דעם גוף,
פאַר דעם רוף צום לעבן,
אין דער וויסטעניי פון אונדזער קיינעמס לאַנד,
דורך די לאַנגע, בלינדע נעכט.
עס איז אייער קינ׳דיקע שאַנד,
אונדזער איז די פרייד פון זיין גערעכט.

ס׳טראָגן זיך שיפן אויף שבעה ימ׳ען —
אונדזערע ברידער צווישן הימל און וואַסער.
זיי וועלן אייער וועלט פאַר׳סמ׳ען.
איר האָט פאַרריגלט טיר און טויער,
ס׳בויערט דאָס געשריי אייער אויער,
און ס׳פרעסט אייך דער זשאַווער פון שלעכטס.
לאַכט. לאַכט. לאַכט וויפיל איר ווילט.
אָבער די מאַכט האָבן מיר.
איר האָט פאַרשפילט אַנטקעגן אונדז די שלאַכט.
רויבט. מאָרדט. פאַרברעכט.
אָבער הילפלאָז זענט איר
אַנטקעגן אונדזער גרויסער פרייד פון זיין גערעכט.

עס איז אונדז באַפאַלן אַ הונגער

עס איז אונדז באַפאַלן אַ הונגער,
אַ טרויעריקער הונגער.
מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט אַן אייגן שטיקל הימל,
נישט צום פאַרזינדיקן.
און אַ לבנה קוקט אויף אונדז אַרונטער
מיט זילבערנע שפּאַקולן.
אמת, נישט אַלע ווינשעוואַניעס
זיינען מקוים געוואָרן,
אָבער ביי אַ סך וויגעלעך
שטייען געזונגענע, גילדענע ציגעלעך.
נאָר די ביינער ברעכן.
ניין, נישט דאָס בעט האָט אַ קרעכץ געטאָן,
האָסט דערהערט דאָס קול פון די אייגענע ביינער —
וואַנדערביינער.

טוסט אָן די שטעקשיך,
גייסט אַרויס אין שטילן דרויסן,
טרעטסט אויף דער ערד,
בלייבסט שטיין אויף אַן אָרט.
דוכט זיך וואָס קען שוין זיין אייגענער
פון דיין אייגענער פּיראַיילקייט?
גיסט אַ טאַפּ דעם פייגנבוים,
אַ גלעט די ציגל פון הויז.
ס׳וויל דיך פאַרזיכערן די שויב די ליכטיקע.

נאָר די זיכערקייט איז אַ רויִקע, אַ דורכזיכטיקע.
האָסט פאַרפּלאָנצט? פאַרפּונדעוועט?
יאָ, אָבער ס׳האָט עפּעס ווידער אַ קרעכץ געטאָן,
אַלץ די שלעפּעריקע ביינער —
די וואַנדערביינער.

דער טיש אין שטוב איז אַלדאָסגוטס,
לענסט זיך אונטער דאָס האַרץ.
אָבער האָסטו דען געזעטיקט דעם הונגער,
וואָס איז אונדז אַלעמען באַפאַלן,
דעם טרויעריקן הונגער
נאָך אַ וואָרט, זיכערער ווי ציגל,
ווי ערד אונטער די פיס?
ס׳שלאָפט דאָס ווייב, ס׳שלאָפן די קינדער.
אוודאי האָבן די יאָרן אַ שטיקל ראָם.
אַ רגע, אַ מינוט און ס׳ווערט אַלץ
במעט גאַנץ און גוט.
פּלוצים עפנט זיך די טיר.
מען דערלאַנגט דיר אַ פּאַפּיר
גלייך אונטער דער נאָז.
שוין איינמאָל אַ צדק׳דיקער חשבון,
מען רעקווייזירט דאָס גאַנצע אָפּגעשפּאַרטקייט,
די ציגל, די לופט, די ערד,
דאָס רעכט אויף געפּאַרטקייט,
אַפילו דאָס געזונגענע גילדענע ציגעלע,
די זילבערנע שפּאַקולן פון דער לבנה.

זאָל זיין ס׳איז נאָך קיינער נישט געקומען,
אָבער מיינע ביינער קרענקען שוין דערמיט,

מיט דער פייכטקייט פון יידישן וועטער.
איך פֿאַרריגל די טיר.
מיין נאַכטיקער שפּיגל איז אַ האַרבסטיקער באַראָמעטער.
עס קרעכצן מיינע איבערגעשראָקענע ביינער —
וואַנדערביינער.
פֿאַרטאָג.
דאָס לעבן קרייעט קוקורעקו.
באַלד וועלן אָנהייבן מאָלן די פּרנסה־מילן.
אָבער, אָסור, אויב עס וועט שטילן
דעם הונגער וואָס איז אונדז אַלעמען באַפֿאַלן,
דעם טרויעריקן הונגער.

אפּריל, 1939

אויפן יאַטקעקלאָץ

ס׳האָט זיך אַביסל געטאָן נעכטן אַרום מיר,
ווען איך בין געשטאַנען אַ צעדאַמטער
אויפן יאַטקעקלאָץ ווי אַ קנעכט צום פאַרקויפן.
אָט איז דער מאַן, האָבן אַלע געטייטלט,
וואָס פאַרדינט אונדזער רחמנות.
אמת, האָט געקוויטשעט אַ מויל אויף שרויפן,
ער איז אַ שטיקל שווינדלער און גאַרגלשניידער,
און מען דאַרף אים קוקן אויף די לעפּקע פינגער.
אָבער ווער אויב נישט מיר, האָבן אים געשטויסן
צו די פּרנסות וואָס זיינען גרינגער.

אוודאי איז ער אַליין אַ נבזה
און אַ פלעק אויף אונדזער משפּחה,
האָט אַ צווייטן, פון גרוים מיטלייד,
אַ טרער געוואָרגן דעם גאַרגל.
נאָר שווער צו פאַרגעסן דעם הייליקן ספר,
וואָס זיינע עלטערעלטערן האָבן אונדז געלאָזט בירושה,
פאַר די צען פאַרזאָגן אַליין
דאַרף מען מיט אים טאָן חסד
און פאַרטראָגן דעם דאַזיקן קריכער,
לומפּ, הורענזון און מאַרעוויכער.

גיט אַ קוק אויף זיין הויקער,
טאַפּט מיר אָן אַלטע מויד דעם צעביילטן רוקן,

דאָס איז פֿון זיצן, קוקן אין ביכלעך,
און שאַרפֿן דעם מוח ווי אַזוי צו יידלען.
נאָר זידלען דאַרפֿן מיר זיך אַליין,
וואָס מיר האָבן אים נישט געטריבן
צו די שווייסיקע פּאַכן,
ווי קאָפּען קאַרטאָפֿליעס, שטיינער האַקן,
האָט ער, שטאָט דעם נאַקן, איינגעשפּאַנט דעם קאָפּ,
ווי אַן אָקס אין דער סאָכע,
אַלעמען איבערגעשׂכל'ט
און צוגענומען ביי אונדז יעדן גראָשן.

און הערט ווי ער בעבעט זיין לשון,
ווי ער פּראַוועט באַזונדערניש אויף אונדזער ערד,
פֿאַר וועלכער מיר האָבן געפּאָכטן.
האָרכט ווי ער ריטשעט וואָס מען האָט זיין ברודער געשאָכטן,
קוקט ווי ער מאַכט אונדז דאָס לעבן מיזעראַבל,
צערטלט מיך אַ באַסאָווער ליבעראַבל, —
ס'וואָלט שוין לאַנג פֿון אים קיין זכר נישט געבליבן,
ווען מיר וואָלטן אים שטאָט האַסן געטאָן ליבן,
און געעפּנט פֿאַר אים, דעם אויסדערוויילטן,
דעם שטאָלצן, אונדזערע אָרעמס —
אונדזערע קירכן וואָלטן אים שוין לאַנג צעשמאָלצן.
מיר פֿאַרגעסן — פֿאַרענדיקט ער, מיט אַ גלח'ישן קנאַק, —
ס'האַנדלט זיך נישט אין כּסדר פּראַסקן זיין צווייטע באַק,
נאָר אויפֿשטעלן אונדזערע אַנטקעגן זיינע
איינגעוואָרצלטע געמיינהייטן.

ס'האָט זיך אַ שיין ביסל געטאָן געכטן אַרום מיר,
צווישן די יאַטקעס.

כ׳בין געשטאַנען אין הוילן העמד און צעפּליקטע גאַטקעס,
און זיי האָבן מיר געטרייבערט די אָדערן
מיט פאַרטיידיגאַכץ.
פאַרענטפערט אַזוי וואויל אַלע מיינע נידריקע אינסטינקטן,
אַזוי שיין געזונגען מיר אַ זכות
פון מיינע פרומע זיידעס וועגן,
אַז דער יאַטקעקלאַץ האָט אַזש גענומען שפריצן מיט טרערן.
אַ פרומע אַלטיטשקע האָט איבער מיר געמאַכט אַ צייכן
אין דער לענג און אין דער ברייט,
און אַלץ אַרום האָט גענומען נישט ווערן.
איך בין געבליבן אַליין אונטער אַ הימל פון קעלטעניש.
די שייקע איז אַרוים פון באַהעלטעניש
און איך האָב פאַרמאַכט די אויגן.
די קלעפּ זיינען מיך שוין נישט אָנגעגאַנגען.
איך האָב מיט אַ סקרוך געדענקט
ווי זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט,
אַרום דעם יאַטקעקלאַץ דעם רונדן,
ווי זיי האָבן געבלעקערצט איבער מיין צענערעגט לייב,
און ווי די בינען איינגעגעסן דעם האָניק אין מיינע וואונדן.

האָסט פאַרלאָשן איין שטערן, צוויי, דריי,
דיין גאַנצע צעליכטיקטע פּראַכט.
גאָט, וואָס טו איך דאָ איינער אַליין,
אין דיין אייביקער נאַכט.

יוני, 1939

לובלין, 1941

די נאַכט בליט מיט אַ טרויעריקער שטילקייט.
אַן אלול-קילקייט ווינטלט אין בית-מדרש
פון אַן אויסגעהאַקטער שויב.
פלוצים וואָגלט דורך דער פינצטערניש אַ וואָרים געוויין,
ווי דאָס וואָרקען פון אַ טויב.
דאָס טוט די מוטער רחל וויינען אויף אירע קינדער.
כ'ווייס אַז אַצינדערט פאַרגיסט זי אויך באַכן טרערן
פונוועגן מיר.
ביטער איז איר געוויין,
ווייל פאַרשלעפּט האָט מען מיין טאַטנס געביין
און די מאַמע מיינע איז נעבעך אַזוי יונג געשטאָרבן.
וואָלט איך זיך אַליין אין קבר אַריינגעקלאָגט,
נאָר פאַרן טויט האָט זי מיר פאַרזאָגט:
דו, הערשל, לעב, וועסט דעם טויט ניט פאַרזאַמען.
לעב איך. מען ברויך פאָלגן אַ מאַמען.
האָב איך נאָך אַ לאַנג שטיקל וועג ביז דעם לעצטן פאָר.
כ'בין קוים אַלט עלף יאָר.

מיין חבר שלמה'לע, וואָס וואַלגערט זיך לעבן מיר
אויף דער באַנק אין רבי'נס בית-מדרש,
איז נאָך קיין גאַנצע ניין ניט געוואָרן
און שוין האָט זיך אויף אים אויסגעגאָסן גאָטס צאָרן —
ער איז אויך אַ קיילעכדיקער יתום.

זיצט ער אַצינדערט און גיט זיך ניט קיין ריר,
הערט ער אויך איצטער ווי די מוטער רחל
וויינט אויף אים און אויף מיר.
מיין חבר שלמה׳לע הוסט, ער איז נעבעך זייער שלאַף.
ער זאָגט ער וועט גאָר אינגיכן שטאַרבן.
ער וויל ביי מיר נעמען תקיעת כף,
איך זאָל מיטשטאַרבן ווי אַ געטרייער חבר.
אָבער מיר האָט דאָך די מאַמע
בפרוש פאַרן טויט פאַרזאָגט:
דו, הערשל, לעב, וועסט דעם טויט ניט פאַרזאַמען.
לעב איך. מען ברויך פאָלגן אַ מאַמען.

ביי טאָג דרייען מיר זיך אַלע אַרום פאַרפאַטשטע.
ס׳האָט יעדער איינער זיין בינטל צרות.
מען האָט נאָר וואָס פאַרזייט אַביסל אייגנס
אויפן בית-הקברות.
ס׳איז יעדער איינער נישטדאָגעדאַכט אַ יתום אָדער באַקלאַגער.
און פונדעסטוועגן ווי מאָגער ס׳איז יעדערנס ביסן,
פאַרגעסט מען ניט אָן שלמה׳לען און אָן מיר.
מען טיילט אונדז צו ס׳לעפל געקעכץ.
צווישן אונדז דרייט זיך אַרום מיט טויזנט אויגן
דאָס מערדערלעכע שלעכץ.
מיר שלינגען דאָס ביסל עסן מיט טרערן.
מען האָט מורא אויסצואָטעמען אַ וואָרט,
נאָר ס׳איז אונדז דאָס רעדן פאַרשפאָרט —
גאַנץ קהל׳ס וויטיק שרייט צום זיבעטן הימל.
ס׳יעלה׳ט, ס׳וויל דערמאַנען.
אפשר האָט מען אָן אונדז חלילה פאַרגעסן.
עד מתי, גוואַלד ביזקאַלע וואַנען!

נאָר מיין חבר שלמה׳לע איז שטיל.
ס׳איז רואיק זיין גּעלע מראה.
ער האָט ניט קיין מורא צו שטאַרבן,
ער ווייסט אַז פאַר אַ יתום מאַכט מען אויבן
אַ גאַנצע וואָרע און אַ גרויסן פאַראַד.
דוד המלך שפּילט אויף זיין פידעלע,
טאַטע-מאַמע טאַנצן אַנטקעגן מיט געזאַנג
און צדיקים אין די קרוינען
פּלעסקען צו מיט די הענט.
און ס׳האַפּקען מלאכים׳לעך, און ס׳טאַנצן זיידע-באָבע,
און אַז מען איז גאָר זוכה, איז גאָטבעכי אַליין
גיט אַזאַ יתום׳ל אַ ברוך הבא.

ס׳איז שוין נאָך חצות.
דער אַלטער רב זלמן לענט זיך אונטער ס׳הארץ מיט אַ ספר.
ס׳קען שוין, זאָגט ער, לאַנג ניט געדויערן,
ער וועט דורכברעכן מויערן און קומען.
טאָמער זיינען נאָך פאַראַן מניעות, שטרויכלונגען,
טאָמער בילט נאָך דער מקטרג, וועט ער מוזן שטומען.
רב זלמן שווערט זיך ס׳איז שוין משיח אויפן וועג,
ס׳וועט אים גאָרניט העלפן, ער וועט מוזן קומען.
העט ביים בית-עולם רויטלט זיך און שיילט זיך
נאָך אַ דערשראָקענער טאָג.
מיין חבר שלמה׳לע איז איינגעשלאָפן ווי אַ פייגעלע אַ קראַנקס.
איך גלייך זיך אוים די ביינער פון דער האַרטער באַנק.
שוין ווידער די מורא פאַר דער ליכטיקער שיין.
ווידער מוז מען לעבן אונטער דער בייטש פון
מערדערלעכן שלעכין.
ווידער ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן,

ווידער האָפן און וואַרטן פאַרשטיינערט,
מיט לעצטע כּוחות איינהאַלטן דאָס חיות
פון הויט און ביינער.
ווייל די מאַמע האָט שטרענג פאַרזאָגט:
דו, הערשל, לעב, וועסט דעם טויט ניט פאַרזאַמען.
לעב איך. מען ברויך פאָלגן אַ מאַמען.

צום טאַטן

וועןּ איך האָב נאָך געשטעלט די ערשטע ווערטער,
האָסטו מיך שוין געכּאָוועט אויף מענדעלין און פּרוגן.
ווי ווײַן געצערטער אין קרוגן
איז געוואָרן פאַר מיר דאָס יידישע וואָרט.
גאַנץ אָפט בין איך געזעסן אַ פאַרקלערטער
איבער אַ ליידיק בייגעלע פּאַפּיר
און געזיפצט דיין פרייד,
ווען דו האָסט געקוקט אויף מיר און געשעפּטשעט צופרידן —
ס'וואַקסט אַ שרייבער ביי יידן.

און אַז דו האָסט געזאָגט ביי יידן,
האָב איך געזען ממש ווי דו כאַפּסט מיך אויף די הענט,
און ברענגסט מיך מיט שמחה פאַר אַ בראַנדאָפּפער.
וואַרטסט ביז דיין קרבן זאָל געבן דעם האַלדז אַ שטרעק
און ווערן פאַרברענט.
גיי, דו שנעק, צו דיין פאָלק.
ביסט, אמת, נישט מיין ערשטגעבאָרענער, מיין ערשטקראַפט.
אָבער כ'האָב דיך אין צער דערוואָרבן.
צוויי זיינען פאַר דיר געשטאָרבן,
צווייםאָל האָב איך געזאָגט גאָט האָט גענומען
וואָס ער האָט געגעבן.
ביסט דער פאַרדרייפאַכטער זאַפט פון מיין לעבן.

וויפיל מאָל, טאַטע, האָסטו גאָלדפאַדענס לידלעך
מיר אין שלאָף אַריינגעשפּונען.

אַוועק זיינען שוין די יוגנט־טעג, דאָס לעבן צערונען,
האָסטו מיט אייגענע ווערטער מער געקרעכצט ווי געזונגען.
אָבער ביים האַלב־אַריינגעדרייטן לאָמפּ
און ווענט פאַרשאָטנט מיט וויגנדיקע געשטאַלטן.
האָסטו פון מיר דיין שמייכל נישט געקענט באַהאַלטן.
האָסט לעבן מיר אַוועקגעלייגט דיין קאָפּ דעם מידן,
און ס׳האָט אויפגעלויכט דיין פרייד און שטאָלצער חלום —
ס׳וואַקסט אַ שרייבער ביי יידן.

איז היינט דיין יום־טוב,
און ס׳איז גרייט פאַר דיר דער אויבנאָן.
נאָר ס׳איז נישט פריידיק,
ווען איך גיב זיך אַ דערמאָן
אַז דיין כסא איז ליידיק.
איך זיץ גאַנצע טעג אומזיסט ביים באַרטן.
מיין ביסל גליק דערגרייכט נישט צו דיין האַרבעריק,
און ס׳קומען נישט קיין שיפן פון דאָרטן.

שיק איך, טאַטע, אַ גרוס פון אַזויפיל יידן,
צו דיר אַהין, קיין לובלין.
אונדזער טרייסט דאַרפסטו נישט.
לייענסט נאָך יעדן כעלות דעם חק לישראל.
האָסט נאָך אַלץ אַ לעבעדיקן טאַטע־פאָטער אויבן.
איז דיין בטחון פעלז און שטאָל.
שעפּסטו גאַנצע עמערס גלויבן.
צו מיר שרייבסטו אַ גרוס — מען לעבט.
וואָס קען מען שוין, משטיינס געזאָגט,
טאָן צו מיין אַלטן גוף.
יעסטעם זדרוואוו.

איך בין מיט יאָרן זאַט שוין.
טוואַי אויטשעץ —
איצעק גלאַטשטיין.

שטויב איך איצטער אָפּ דיין ליידיקן שטול.
דו ביסט נישט נאָר טאַטע.
ביסט אַ ייד אין געטאָ מיט אַ געלער לאַטע.
און דאָס איז אַ זכיה,
דאָס איז אַ גרויסע רבותא —
שכינתא בגלותא.

אין יאָר אַזוי און אַזוי,
ווען ס'האָט יידישלעך אויפגעלויכט מיין נאָמען —
אַביסל ליכטיק, אַביסל טריפיק,
פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק.
ווען איך בין געוואָרן אַ שרייבער ביי יידן.
האָט מיין הארץ געצויגן צו שטויבן זיך אין דיין שטויב.
צו קושן דיר די מידע טריט.
צו גיין אַ ניט־דערשאָכטענער קרבן,
מיט פאַרבלוטיקטע און געשוואָלענע פיס.
צו דיר אויף יענער זייט טויער.
אַהין, צום פינצטערן לובלין.

גלויביקער וואַרטער

אַ קול אָן ווערטער
שווייגט־אויף פון יעדן שטיין.
וואָס זעסטו, זעער,
אין שלאָפנדיקן טאָל?
די טרויעריקער וואַרטער
מיט געדולד פון שטאָל,
וואָס הערסטו, הערער,
אין שווייגיקן גערייד?
איך זע די פרייד —
די פאַרשעמטע פרייד.
איך הער איר שטילן לאַך.
דרימל נישט און שלאָף נישט,
האָרך און בלייב וואַך.

אָנזאָגער מיט דעם זינגענדיקן האַרץ.
דאָס איז דאָך דער קינדערשער שמייכל,
פאַרגליווערט אין געוויין.
דאָס איז דאָך די פרייד
מיטן שלייער פון שוואַרץ,
וואָס האָט שוין יאָרן
נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.
דאָס איז די געשמידטע האָפענונג
וואָס האָט מעת לעת נאָך מעת לעת,

געוואָרט אויף אַ צייכן,
געגלויבט אין אַ נס.

געפּאָרטע שטיקער לעבן
חלומ'ען באַזונדער.
וואָס פאַרשלאָפט איר איצטער
די שעה פון וואונדער?
אָנגעטרויעריקט מיט שווייגן
וועל איך וואַכן אַ גאַנצע נאַכט.
ס'האָט דער גלויביקער וואַרטער
אונדז אַ טרייסט געבראַכט.

די נאַכט האָט אַלע פּראַכטן:
זילבער, וואונדער און בלוי.
אַלע טונקעלע גראָזן
ליכטיקן מיט טוי.

איבער אַלע פייערן
לעשט זיך די ליבע נאַכט,
באַשיץ מיך נישט, מיין טייערע,
פון דער לעצטער שלאַכט.

גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל

גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל.
אַ שטראַל פון זיין גוטסקייט
פאַלט אויף אַ פינצטערער וועלט.
ער זיצט ביים קוואַל פון זיין וואונדער
און וואַרפט אַריין שווערע שטיינער.
הער, ער איז אומגליקלעך איינער.
די פאַר׳גולמ׳טע שטראָף איז שוין מער נישט זיינע —
זי האָט אים איבערגעמעכטיקט,
יעדער זיפץ איז גערעכטיק.
יעדער געשריי צעבליצט די פאַראיינזאַמטע הימלען.
די אייביקייט דערלויפט צום משוגע׳נסטן פינאַל.
גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל.

גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל.
דער שאַל פון שופר
יאָגט אָן אין וואַלד אַ ימים-נוראים׳דיקן ציטער.
דאָס האַרץ פון גרויסן שטראָפער
איז ביטער און צעבראָכן.
נישט ער האָט אויסגעטראַכט אַזוי פיל בראָכן.
ער ווערט פאַרשעמט און קליין אין געמיט,
ווי יעדער דערשראָקענער ייד.
שטילערהייט וועט ער זיך אַריינ׳גנב׳ענען אין שול.
אַן איינגעהילטער אין טלית וועט ער שטיין

אין פּאָליש ווי אַ בעל־תשובה
און רייסן די פּאַרטונקלטע הימלען מיט געוויין.

אַ ווינט גיט אַ האַרבסטיקן ציטער.
אַ בוים גיט זיך אַ צעוויג.
אַ בלאַט גיט אַ פאַל.
גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל.

דאָ בין איך קיינמאָל נישט געווען

כ'האָב אַלעמאָל געמיינט
איך בין שוין דאָ געווען.
מיט יעדן יאָר פון מיין איבערגעניצעוועט לעבן
האָב איך געוואַרעמט געוועבן
פון אָפּגעלעבטע שטיקער וועלט.
איך האָב דערקענט געדענקטע פּנים'ער און שמייכלען
און אַפילו טאַטע-מאַמע זיינען פאַר מיר געווען
פאַרבענקטע פרעסקאָס אַמאָליקייט.
כ'האָב געטראָטן אויף אַלטע רשעות'דיקע שטעגן
און צווישן ברעגן פון געשיכטע
האָב איך געזעגלט.
איך האָב כּסדר געפונען דאָס וואונדער,
וואָס איז אין געדעכעניש געווען איינגעקריצט,
און ס'האָט די אָפּגעטומלטע פאַרגאַנגענהייט
זיך שעמעוודיק געבלעזלט אין דעם איצט.
איך האָב געמיינט
כ'בין שוין דאָ אַמאָל געווען.

נאָר די לעצטע שטיקלעך יאָרן-צויטן,
מיט די אויסגעטראַכטע טויטן,
זיינען מיינע אייגענע טעג און נעכט.
דאָס איז מיין אָנגעהויקערטע באַשערטקייט,
דאָס האָב איך אַליין אָנגעלעבט.
די פאַרגליוורטע פאַרקלערטקייט,
פאַרברענטע פעלדער,

די מאַפּעס מיט בית-עלמינ׳ס,
פאַרשראָקענע שטילקייט,
די צייכנס פון פריידיקער רשעות —
כ׳האָב עס פון ערגעץ נישט געדענקט.
כ׳האָב עס קיינמאָל נישט געזען
כ׳בין דאָ קיינמאָל נישט געווען.

בלייב שטיל, טויטע וועלט.
שווייג איין אין זיך דיין פאַרוויסטקייט.
ס׳וועלן ווידעראַמאָל בליען פאַרוויאַנעטע אָרנאַמענטן.
מיר וועלן איבערבויען דיינע פונדאַמענטן,
אויף דעם בלוט וואָס מען האָט פאַרגאָסן.
נאָר די טויטע וועלן וויינען אין די חצות׳ן,
יעדער מת — אַ טריפנדיק קול.
ווי אַ קליין ליכטל איבער יעדן קבר,
וועט פלעמלען אַ געבעט.
יעדער פאַר זיך.
איך בין איך —
וועלן טויזנטער געשאָכטענע איכן
וויינען אין דער נאַכט.
טויט בין איך און נישט דערקאָנט,
מיין בלוט נאָך אַלץ נישט אויפגעמאָנט.

אַזאַ עשירות פון מצבות
האָב איך קיינמאָל נישט געזען.
טאָג און נאַכט וועל איך יאָמערן די נעמען.

דאָ בין איך קיינמאָל נישט געווען.

געטאָ־ליד

מיין געזאַנג אין דיינע ביינדלעך,
ווי יונגער שניי צעגייט.
אין דיינע שטערנדיקע אויגן,
וואַכט אויף אַן אַלטע פרייד.
לאַבעלע, מיין קינד,
זינגעניו, מיין טרויער,
ס׳גייען אויף זיבן זונען
אויף אַן אַלטן מויער.

דער שבת וויינט אַ פאַרשוועכטער,
פון די בוימער־שפּיצן.
אויף אַלע חושכ׳דיקע געסלעך,
טויטע בעטלער זיצן.
שוויגעניו, מיין קינד,
שלאָפעלע, מיין קרישל,
אויף דיין לייַדיקן טעלער,
טאַנצט אַ גילדן פישל.

שטערן פון אונטערוועגנס,
באַלייכט דיין טאַטנס וועג.
די לבנה איז זיין פאַרמעגנס,
אויפן נאַכטיקן געיעג.
שלאָפעשי, מיין קינד,

קושעניו דיינע אויגן,
איבער קלאָגנדיקע חורבות
איז אַ טייבעלע געפלויגן.

דאָס טייבעלע ביסטו דאָך,
דיינע הענטלעך ווייסע פליגל.
דיין מאַמע וועט נישט אָפּטרעטן
פון דיין הונגעריק וויגל.
שאַזשעשי, מיין קינד,
שטילעניו, מיין טרויער.
דיין טאַטנס גוטע הענט
עפענען דעם טויער.

ג ע ז אַ נ ג ע ן

1.

איך האָב דעם פרימאָרגן אַוועקגעשאַרט ווי אַ גאַרדין
און אים צעהאַלבט —
אויף איין זייט אַ בלויער אַהין
און אויף דער צווייטער אַ טונקעלער אַהער.
אַ קליינער שנאָבל האָט אָנגעקלאַפּט
און זיך צעקרייעט מיטן טראָפּ.
דער קליינער יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט
און אַריין אין מאָרגן אָן אַ געדאַנק אין קאָפּ.
די ברענענדיקע בלעטער האָבן געזונגען.
דאָס פּענצטער האָט געפּלאַצט פון אָן אייגענער זון;
און געדוכט האָט זיך אים, אַז ער איז אַ האָן
(אונטער אַ קאָלדרע) מיט אַ קאַם אויפן קאָפּ.
און אין יענער שעה איז נאָך דער האָן נישט געווען קיין יידישער.
אַ גרויסער חידוש. ער האָט זיך געוואָרעמט אין פרייד,
וואָס אין יענער רגע איז ער אויסגעקומען
אויף דער לינקער זייט פון צייט.
די אויפגעוואַכטקייט איז נאָך געווען אַ פאַרשלאָפענע,
דאָס אָפענע אויג איז פאַרבלענדט געוואָרן
פון ליכט וואָס האָט געשמעלצט די שויבן,
דער טאָג האָט געבליט אויף די ווענט
און געצייכנט וואָרעמע מאַפּעס פון רואיקע אינדזלען.

דער האָן איז נאָך אַפילו נישט געלעגן אין פּלעטבוש,
נאָר אין אַ וואַרעמען הויף,
אין דעם אייגנסטן ערגעץ,
און האָט נאָך נישט געהייסן נאָך אָן עלטערפעטער.
נאָר דער נאַרישער קאָם אויפן קאָפּ
איז אַרומגעשוואומען מיט די פייערדיקע בלעטער.

.2

דער מאָרגן איז דאָ.
מאַך מיך שיין.
די זון איז דאָ,
מאַך מיך אָנ׳שכל׳דיק שיין,
נעם ביי מיר צו אַלע צווייטן פון רייד
און מאַך מיך וואונדערלעך שטום.
צעבלי מיך ווי אַ בלום
און גיב מיר די טרויבנדיקע פרייד
פון דער שענסטער נאַרישקייט.
גיב מיר דעם זינגענדיקן לאַך,
פאַרדרימל מיך אין האַלבער וואַך.
קליינע פענצטער עפענען זיך.
קליינע קעפּלעך גריסן מיך.
מיטן שטאָלצן שנאָבל קלאַפּ איך אָן.
דער קליינער יעקב איז געוואָרן אַ האָן.

.3

וואָס-זשע דרייסטו זיך אַרום, מיין וואָלוול לעבן,
פאַרעסיקט פאַר דער צייט?
דער גרויסער יעקב זינגט פון שלאָף.

דער גרויסער יעקב ליגט
און חלום׳ט זיך מיט מיר אַרום,
ווי מיט אַ פליג,
אַט און ער וועט אויף מיר אַרויפליייגן עשו׳ס לאַפּע.
אָבער איך בין פלינקער און יינגער
און איך פלאַטער דורך זיינע פינגער,
ער איז דער שווערער יעקב־ישראל,
אַ ליידער, אַ זאָגער, אַ זינגער.
זיין היינט איז זיין נעכטן,
זיין נעכטן איז זיין פאַרטויזנטיאָרן.
אָבער איך האָב היינט געבאָרן
מיין אייגענעם אָנהויב.
וואָס־זשע דרייסטו זיך אַרום, מיין וואָלוול לעבן,
וואָס ווילסטו פון מיר, מיין שטראָף?
דער גרויסער יעקב רייסט זיך פון שלאָף.
זיין הויט איז אַ יידישע,
זיין טאָג איז אַ יידישער,
זיין עלטערזיידע און זיין אוראייניקל לעבן אונטער איין דאַך,
זיין וויטיק איז זיין פרייד,
זיין פרייד איז זיין וויטיק,
ער איז נישט איינער, ער איז אַ סך.
באַלד וועט ער זיך אויפכאַפּן
און מען וועט אויף אים נעמען וואַרפן
שטיין נאָך שטיין,
יידישע שטיינער, פאַר יידישע ביינער,
פון בערלין, ווין, וואַרשע, אָרשע, קאָוונע, ראָוונע, מינסק, פינסק.
ס׳פאַרהאַקן זיך געטאָ־טויערן.
ס׳הילכן אים הילכערס אין די אויערן,
פאַרגיפטן, פאַרניכטן,

פאַרטיליקן, פאַרהונגערן, אומברענגען,
קוילן, שעכטן, אויסמאָרדן,
אויסראָטן, אויסוואָרצלען,
פייניקן, פאַרגאַזן.
אַ לאַכמע ברויט, אַ שטיקל ברויט, אַ פּעניץ ברויט,
אַ קרישקע ברויט.
איינשפּריצן דעם טויט.
טויט־ברויט, ברויט־טויט, ברויטטויט.
ס׳הילכן אים הילכערס אין די אויערן,
ס׳בויערן אים הילכערס די אויערן.
וואָס־זשע דרייסטו זיך אַרום, מיין פּאַסקודנע לעבן,
וואָס־זשע ווילסטו פון מיר, מיין שטראָף?
דער גרויסער יעקב רייסט זיך, נעבעך,
פון זיין יידישן שלאָף.

.4

אַ דו, וואָס האָסט פאַרציטערט
מיט ראָז־בלויען שימער
די קאַכליעס־ציגל פון אַנטקעגנאיבער,
אַ דו, וואָס האָסט די הייזער געגעבן
אַזאַ פליסיק מאָרגן־ליכט,
דיין פּראַכט זאָג איך אָן,
קוקעריקו, איך בין אַ האָן.
דער וועוורעק, ווי אַ קליין בעטלערל,
בעטלט מיט די פעדערשטע פיסלעך
און זוכט ניסלעך אויף צו באַהאַלטן.
אויף דעם נאַקעטן בוים דעם צעשטראַלטן
זינגען די ריטלעך,

ווייך טייכלט זיך דאָס ליכט
אויף דעם הויז אַנטקעגנאיבער.
אַ פאַרגיב מיר דעם פאַרגלאָצטן קריי,
דיין פראַכט פון בלויז איין בלאַק זאָג איך אָן,
קוקעריקו, איך בין אַ האָן.
נישט קיין מאַמען, נישט קיין פונוואַנען,
דאָ בין איך און פונדאַנען,
נאָר וואָס אויסגעפּיקט פון אַ חלום,
ערשטיק, היינטיק און נישט טויזנטיעריק.
דאָס צעשמאָלצן גאָלד האָט זיך אין דער קילער לופט
דין צעזילבערט.
יעדער מילב ווערט אַ שפּריצל זון.
ס׳רופט מיין איצטיק לעבן.
דעם פרימאָרגן זאָג איך אָן,
קוקעריקו, איך בין אַ האָן.

5.

ויהי ערב ויהי בוקר.
ס׳רייסט מיר אָן אַ שטיקל הויקער.
ס׳טוט ווי די פּלייצע.
ויהי, אַ צרה הייבט זיך אָן,
כ׳מוז פאָרט זיין אַ יידישער האָן.
מיין שכן קרייעט מיט דעם אויטאָ-האָרן
צו מיר אַרויף אַ פריילעכן גודמאָרן,
דער שכן איז אַ גוי אַ מענטש,
און איך אַ יידישער האָן.
— העוו יו רעד די ניום ?
טיז טאָף אָן די דזשום,
די ראָשענס אַר מאַגניפיסענט,

מאַכט מיט די הענט מיין שכן צו מיר אַרויף,
וועל, אייוו גאַט טו געט גאָען,
סאָ לאָנג! ענטפערט אַ יידישער האָן.

.6

דער גרויסער יעקב זינגט פון בעט
מיט מיר אַ קרייענדיקן דועט.

וועלט און וועלט און וועלט און וועלט.
ס'איז דער זין פאַר מיר פאַרשטעלט.
פון הימל פאַלט ווי מן געבאָט.
איך בין אַ קרייענדיקער אידיאָט.

בלוט און בלוט און בלוט און בלוט.
טייכן שלעכטס און קברים גוט.
יאָמער פון קינד און שקלאַפן-טראָט.
איך בין אַ קרייענדיקער אידיאָט.

הונגער-מויל און מענטשן-קויט
קעפ דאָס לעבן. לעב דעם טויט.
גראָב דיין קבר ווי אַ קראָט.
כ'בין אַ טרויעריקער אידיאָט.

לער און וויסט און וויסט און לער.
אויסגעטריקנט די לעצטע טרער.
שאַנד — פאַרשטאַנד, און שכל — שפּאָט.
איך בין אַ קרייענדיקער אידיאָט.

מיליאָנען טויטן

אַז מען וועט אַקערן און זייען טויטע ערד,
וועט זי געבן פינצטערע ברויטן,
נאָר ס׳וועט ווייץ און קאָרן אייביק שמעקן
מיט מיליאָנען טויטן.
איבער פאַרשעמטער ערד,
וועלן נאָך בליען יונגע פרילינגס,
און זון און הימל, טייך און וואַלד,
וועלן זיך שטראַלנדיק צעשפּילן.
גיב אַ פייגעלע אַ בוים,
און צום הימל נאַריש זינגט עס,
אָבער דו נעם אַ פּנקס און פאַרשרייב
דאָס לעגענדאַרישע אומגליק.
שטילערהייט פאַרשרייב מיט שטילע רייד:
אַזוי האָט מענטש געטאָן צו מענטש קילערהייט,
דאָס האָט אונדז געבראַכט דאָס יאָר תש״ג,
ווען זייער מערדערליכער טאָג
איז געוואָרן אונדזער נאַכט פון אַלע נאַכטן.
און געדענק — מיר האָבן נישט קיין ווערטער
פאַר דעם אומגליק.
ווי קענסטו געפינען רייד
פאַר דער טרייסט?
פאַר אונדז די אַלט-געזעסענע אין צרות,
פאַר אונדז די איינגעוויגטע אין צער.

פֿאַרצייכן טרוקן, שפּאָרעוודיק, טרויעריק —
פּה נטמן, געשטאָרבן.
אָבער פֿאַרהייליק יעדן באַזונדערן קרבן,
און פֿאַרטרייסט נישט דעם קאָפּ,
אַז לעבן וועט דאָס פֿאָלק.
ניין, אייביק וועט אונדזער לעבעדיק פֿאָלק
זיין טויט מיט מיליאָנען טויטן.
פֿאַרשאָלטן, אויב מיר וועלן זייער טרויער צעשמעלצן
אין דעם דויער פֿון אויפֿגעלויכטענער פֿרייד.
פֿאַרשענד און דערצערן נישט דעם אָנדענק
פֿון דעם מינדסטן פּלוני.
אויסגעשטערנט וועט אייביק זיין אונדזער ליכטיקער הימל,
מיט קרוינען פֿון טויט.
אַוודאי וועלן מיר אַקערן און זייען,
פֿלאַנצן און בויען,
אַוודאי וועלן מיר ציילן טעג און יאָרן,
פֿאַרשאָלטן, אויב מיר וועלן ווען פֿאַרלירן פֿון זכרון,
יעדער איינציקן קדוש.
פֿאַרצייכן — נישט זיי זיינען געשטאָרבן פֿאַר אונדז,
נאָר פֿאַר׳משפּט זיינען מיר צו לעבן פֿאַר זיי,
אַז ס׳זאָל פֿליסן זייער טויט אין אונדזערע אָדערן,
כדי מיר זאָלן די וועלט פֿאַרשווידערן.

אונדזער ציכטיק לשון

ווי די גוטע יידן פון אמאָל,
וואָס פלעגן אויסלייזן און דערקוויקן
אַ וואָלוועלען ניגון,
אים לייטערן און געבן תיקון
און דערווייטערן פון דער טומאה —
אַזוי האָבן אונדזערע זיידעס
פאַרוואַנדלט דיין פּרעס-און-זויף דייטש
אין יידישטייטש.
זיי האָבן אים געצערט און געצערטלט,
געקלערט ווי גוטן אייל,
געפעפערט און פאַרווערטלט
מיט תנ״כ׳יש,
אַריינגעוועבט אין אים
גוטמוט פון פויערשן ליאַכיש
און זשוואָווישן סלאַוויש;
אים אָנגעלאָגלט מיט פּקחות,
שטאָט צעזעצטן און צעטראַסקעטן געלעכטער,
אים פאַרוואָגלט מיט פרומער בענקשאַפט
פון יידישע טעכטער,
פאַרטערט יעדער וואָרט
מיט אָפּגעפּוצטער אָרימקייט,
פאַרקלערט יעדער וואָרט מיט מיין
און פאַראימפּעטיקט דעם בייכיקן

ווערדען וואורדען זיין.

איצט לאָזט מען אונדז אפילו נישט זיצן
און קלאָגן ביי די טייכן.
דער קוילער ציילט און יאָגט אונדז,
און דער ציילער קוילעט,
און דער ציילער פרייט זיך,
וואָס פון יאָגן הין און צוריק
פאַלן אָפּ און פעלן
הונדערט, טויזנט, צענער טויזנט שטיק.
און ס׳וואַרימע פידעלע יידיש,
דאָס פאַרשטייענדיקע, דאָס קלוגע,
איז פאַרשטומט,
און הענגט אויף אַ ווערבע,
צווישן ברידער-קברים.

דו מצורע צווישן מערדער,
ווי אַזוי קענען מיר
אויף אונדזער ציכטיק לשון,
דערציילן אַלץ וואָס דו האָסט מיט אונדז געטאָן,
ווי דו האָסט אונדזער וועלט פאַרלאָשן?
חלש׳ן, חלש׳ן אונדזערע ווערטער,
שעמען, שעמען זיך אונדזערע רייד
אויסצוקלאָגן פאַר דער וועלט
די לעבעדיקע יסורים
פון אונדזערע מיליאָנען ערב-טויטן.
נאָר דו אַליין אויף דיין בלוט-וואורשט שפּראַכע,
קענסט אויסרעדן ווי דו האָסט גענומען
דייטשע, משוגענע ראַכע,
פון דערשראָקענע, אומבאַשיצטע, שוואַכע.

נאָר דו אַליין מיט דער הילף פון דיינע פילאָזאָפן
קענסט אויפקלערן די שפלות פון דיינע חיה׳שע שטראָפן.
קענסט אַנטבלויזן דעם גע׳ירשנ׳טן שימל
פון מאָרד אין דיינע ביינער.
נאָר דו אַליין מיט וואַגנערס פויקן און טאַצן,
קענסט אויסכאָרכלען ביז צום פּלאַצן
דיין גע׳פגר׳טן רום פון אַ צעדולטער וואַלהאַלאַ,
ביי פראַנקרייך, סאָוועט־רוסלאַנד און פוילן,
איידער דו ווערסט פאַר׳משפ׳ט צו פוילן
אין אַן אייביקן, היסטאָרישן כף הקלע.

אינהאַלט:

אין מדבר בליט אַ מאַנדלשטעקן

ס׳יידישע וואָרט 5
דער בראַצלאַווער צו זיין סופר (פינף לידער) 7
אַ ניגון 17
דער רייזעמאַן 19
צו אַ שוועסטער אין ווייטעניש 21
אַ חלום 22
אין אַ טשעפּל 26
גרויסע וועלט פון שטילן וואונדער 28
קליינע נאַכט־מוזיק (צוועלף לידער) 31

נעם אַ פּנקס און פאַרשרייב

בירגערקריג 39
אַ גוטע נאַכט, וועלט 41
לתרצ״ט 43
וועגענער 46
די נאַכט האָט זיך צעבליט 47
האָסט חרוב געמאַכט 49
אונדזער פרייד 51
עס איז אונדז באַפאַלן אַ הונגער 53
אויפן יאַטקעקלאַץ 56
לובלין, 1941 59
צום טאַטן 63
גלויביקער ווערטער 66

גאָט איז אַ טרויעריקער מהר"ל 68
דאָ בין איך קיינמאָל נישט געווען 70
געטאָ־ליד 72
געזאַנגען (זעקס לידער) . . . . . . 74.
מיליאָנען טויטן 80
אונדזער ציכטיק לשון 82

ביז איצט דערשינען פון זעלבן מחבר:

יעקב גלאַטשטיין

פאַרלאַג „קולטור“, ניו יאָרק, 1921

פרייע פערזן

פאַרלאַג גראַהאַר סטאַדאָלסקי“, ניו יאָרק, 1926

קרעדאָס

פאַרלאַג „יידיש לעבן“, ניו יאָרק, 1929

יידישטייטשן

פאַרלאַג ח. בזשאַזאַ, וואַרשע, 1937

ווען יאָש איז געפאָרן

פאַרלאַג „אינזיך“, ניו יאָרק, 1938

עמיל און קאַרל

פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי, ניו יאָרק, 1940

ווען יאָש איז געקומען

פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי, ניו יאָרק, 1940

געדענקלידער

ניו יאָרק, 1943

ווערט צוגעגרייט:

ווען יאָש איז צוריקגעפאָרן